121

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3 (העפט 122) עלפטער יארגאנג מערץ 1950 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה א ל ט :


„עד דלא ידע“ ............ ** 1
שאך־פיגורן (מאדעלירט פון מגילת־אסתר־מאטיוון)........משה עובד 3
צוויי וועלטן (די געשיכטע פון קיבוץ־שאך) ........ משה עובד 4
ער האט נעבעך פונטן... (הומארעסקע).........א. מ. קייזער 7
שלח־מנות (מאנטאזש) ........ ס. פאלמע 10
דער גענעראל און דער פערדישער נביא (א פורים
מעשה)........מארקס קאהען 12
יוסף און זיינע ברידער (בילד)........יוליוס ראזענבערג 15
א טעמע (ליד)........א. פלוני 16
פורים־מדיקע חכמות (פורים־פאלקלאר)........אפרים טויבענהויז 17
א רב פון אנשי שלומנו (חסידישער פאלקלאר).....יחזקאל נח ערלעכמאן 18
א פורים הוליאנקע אין סמירנע — די שטאדט פון
שבתי צבי........מאיר טויבענהויז 19
כ'האב מיין לעבן אדורכגעזיפצט; דיר; א תפילה; איך האב אריינגעקוקט
אין דעם שטויביקן לעבנס־פענסטער (לידער) שמואל וואהיים 20
טונקלע טעג (המשך)........א. מ. פוקס 22
ווי אזוי דער בראצלאווער איז געפארן קיין ארץ ישראל (באלאדע)
ירושלים (סאנעטן)........א. נ. שטענצל 29
בערנארד מעגינסקי (עסיי)........לעא קעניג 32
ס. פאלמע — צו זיין 60 יאריקן יובל........יוסף הלל לעווי 35
„אינערלעך־ליכט“ (בילד) ........ ס. פאלמע 36
„פארוויסטע ערד“ (סקולפטור)........ס. פאלמע 37
נייע זשורנאלן (אן איבערבליק)........דר. יעקב י. מייטליס 40
אברהם יערי — 50 יאר אלט ........ ש. ערנסט 42
בימים ההם (א פורימיאדע)........אליהו פאלושאק 44
וואס איז צו טון? ........ י. ביעטש 49
ווען מען פארלירט דאס גלייכגעוויכט פונם אקצענט........ש. 52
עטלעכע פערזן געווידמעט צו ס. פאלמעס 60 יאריקן יובל .. י. ל. פיין 55
אן אפענער בריוו ........ אברהם ציקערט 55
10 יאר „לשון און לעבן“ (רעדאקציע נאטיץ) ........ 56
יידישע ליטעראריסע שבת נאכמיטאגס ........ 56



**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנעמענט־פרייז: —19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר

1/9 פאר א פראבע נומער



*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

### ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Curios.*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## פריינט פון יידיש לשון — א גרויסער פאלקס קאנצערט

דאָנערשטיק, דעם 16 מערץ, 7.30, אין די מייל ענד באָדס, סטעפּני סטיישאָן,
אין גרויסן קאנצערט זאל

### א גרויסער פאלקס קאנצערט

די גוט באקאנטע לאנדאנער זינגערין
**חנה מעצגער** וועט זינגען יידישע פאלקס און קונסט לידער.
דער באוווסטער און באליבטער אקטיאָר
**יודל גאָלדבערג** וועט זינגען י. ל. פרץ, אברהם רייזין, מרדכי געבירטיק.
דער באקאנטער קלאוויר שפּילער
**פאול ליכטנשטערן** וועט באגלייטן די זינגערס און שפּילן קלאוויר קאמפאזיציעס: „בעל שם" פון בלאך; „העברעאישע מעלאדיעס" פון אהרון א.א.
די קאסע איז אָפן 6 און דער זאל 7
בילעטן פון 1.6 ביז 10.0 — קומט אין מאָסן

**דינסטאג, 7־טן מערץ,** 7.45 אין אָונט קומט פאָר אין
אנגלא־פאלעסטיין קלוב
43 גרייט ווינדמיל סטריט, פיקאדילי, ו.1.

### ☆ א סימפּאזיום ☆

אָראַנזשירט פון יידיש וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ
אויף דער טעמא:

### „אידיש — שפּראַך און ליטעראטור"

רעדנער: יוסף לעפטוויטש, דר. יעקב מייטליס, יהושע פאָדרוזשניק.
פאָרזיצער: דר. י. עפּשטיין, דירעקטאָר פון דזשו׳ס קאָלעדזש.
א. מ. קיזער וועט לייענען אויסגעקליבענע טעקסטן פון מענדעלע׳ן, פרץ׳ן און שלום עליכם.
אַלע ווינען הארציק איינגעלאַדן צו קומען

**קאנצערט בילעטן** ביי אונזער סעקרעטאר נ. רובין, און אויך קויפן ביי דער קאַסע. **ס׳איז וויכטיק** אייער קומען, ווי ס׳איז וויכטיק אייער אונטערשטיצונג, **בכדי צו קאנען אנגיין מיט אונזער קולטור־**אַרבעט אויף דער ידישער גאס און מיטן ארויסגעבן אונזער זשורנאל!!!
אין אַלע ענינים, אָנפראגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאר:
N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3 (העפט 122) — עלפטער יארגאנג — מערץ 1950 לאָנדאָן


## „עד דלא ידע"

אַרומגעגארטלט אַ לאנגע קאַפּאָטע,
אַ באָרד פון קאַנאָפלעס פעסט אָנקלעבן,
אַ פּאָר פּיאות געקרייזלטע אויסדרייען,
אפשר אַזוי־אַ וועט זיך איינגעבן,
אַז סוף כל סוף וועט עס דאָך מיר געלינגען,
אין דער ראָל, ווי־נישט־איז, איינצולעבן.

און מיט אַ שטריימל מיט שפּיצן אויפן קאָפּ,
„פּראַוון" דעם „טיש" מיט קונצן און פּאַקסן!
און אז גוט איך וועל אריין אין דער ראָלע,
ווער וועט דען זען אז די באָרד איז פלאַקסן?
איז נישט דער עיקר, דאָס ביסעלע בראָנפן,
נישט צי די באָרד דווקא איז אָנגעוואַקסן — — —

אַ, מען האָט דאָך נישט נאָר די באָרד און פּיאות —
כ׳גאנצע לעבן אונזערס אויסגעריסן!
טאָ ווו איז פאראן אזא משקה אצינד,
און וויפ׳ל אין זיך נישט אריינגיסן,
אַז פון ארור המן ביז ברוך מרדכי,
דעם אונטערשיד נישט מערער צו וויסן — — —

„עד דלא ידע" — — יאָ, איך בין אַ יודע,
צו האלטן אַ שבועה זיך געגעבן!
נישט אַ פולן בעכער, איך הייב אויף מיין האנט:
ווי אייביק פונקט עס איז אונזער לעבן,
דאָס וואָס געשען אונז, דאָס אכזריותדיקסטע,
קיינמאָל עס טאָר נישט ווערן פארגעבן.

מיט סאַזשע פון קרעמאַטאָריום־קוימענס,
שמיר איך אויס דאָס פנים מיר אצינדער,
און נישט פון ליבע בלינד, נישט פון האס צומאָל —
פון ביידע צוזאַם אַ נקמה בלינדער:
אויף אייביק פארשאָלטן זיין זאָלן יענע,
וואָס אויסגעקוילעט אונזערע קינדער!

יאָ, עס איז דאָך פּורים אין מיטן חודש,
כדי לבנה זיין זאָל אַ פולע —
אַ מאַסקע מיט אויסגעשטאָכענע אויגן,
אָנגעטאָן אין דער נאַכט פאַר דער גאולה!
זע, עס דרייט זיך שוין אַ שכורע די ערד,
מיט מיר צופאלן נ׳מיטן געהולע —
— — — — — — — —

צעכראַסטעט די צעגאַרטלטע קאַפּאָטע,
באָרד און פּיאות צעפלויגענע שטיקער:
און וואָס קאָן זיין מער אויסטערלישע מאַסקע
ווי דאָס רויטע פנים פון אַ שכור,
אַ צעגאָרגלדיקס, אַ סלינע גאווערדיקס:
אַ גלעזל משקה איז דאָך דער עיקר!?

אָן אויסגעטוענע פון אלע מאַסקעס,
פון אלע שוין געשריבענע ראָלן!
די וואקלדיקע ערד, „עד דלא ידע",
אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אלע עולן,
פלאפלט פאַרמולעס, מבושימדיקע,
און האלב שוין פארשלונגענע פאראָלן —

און אזוי ביזן העלן טאָג אַריין — — —
נאָר זע, זון, — אויפגעהויבענע בעכער,
גין־גאָלדן צעפונקלטער און לויטערער, —
פול איבערגייט איבער אלע דעכער,
מיט ברכה, מיט בענטשונג איבער גאָרער וועלט,
„עד דלא ידע" — „אויב נישט נאָך העכער!"





שאך פיגורן (מאָדעלירט פון מגילת אסתר־מאָטיוון) משה עובד

## משה עובד

# צוויי וועלטען

(די געשיכטע פון מיין קיבוץ־שאך)

מיט א דריי יאר צוריק האט מיר גענומען פינף טעג שווערע ווי אויך אמוזירענדע אויסצוקנעטן אין פלאסטעלין דעם „קיבוצערס שאך“.

די רגע זיי זיינען געווארן פארטיק האב איך טיף אפגעזיפצט, ווי די נאטור פון אַ ייד.

דער זיפץ האָט קוים דערגרייכט די יידישע טיפקייט, קומט אַריין אַ געהילף און מעלדעט אַז אַ דזשענטעלמאן ווארט אין געשעפט מיט אַ שאך גארניטור צו פארקויפען.

אַנקוקנדיק דעם שאך אייז אדורך אַ שוידער מיין יידישן חוט־השדרה. אזא מיליטעריסטישן מעכאנישן שאך האָב איך נאָך נישט געזען אָדער זיך פאָרגעשטעלט. אלע שטיקלעך זען אויס ווי שפיצן פון הארמאטן־קוילן און אלע ליגן אין אַ גרויסן ניקלנעם קאסטן ווי אין אַן ארון.

פרעג איך דעם „דזשענטעלמאן“: „וויפיל ווילסטו?“

ענטפערט ער: „וויפיל געסטו?“

זאָג איך: „צען פונט“.

זאָגט ער: „וואָס, צען פונט! פאר אַזאַ ברוטאלע, נאצישע מיאוסקייט! איך וואָלט גענומען צען שילינג“.



דער מאָדעלירטער נאַציצי־שאך



זאָג איך: „פאר מיר איז עס ווערט 100 פונט, זאָל די וועלט זען די יצירות פון די נאצישע הויכע קולטור. אויף אונזער בלוט און פלייש האָבן זיי עס געוויזן, זאָל די שטאָל און ניקלנע וועלט אויך וויסן דעם טעם“. און דערציילט אים:

„ערשט מיט א מאָמענט צוריק האב איך מאָדעלירט אַ יידישן שאך און זאָל די וועלט זען די נפקא מינה צווישן די ברכה און די קללה.ניין איך וועל דעם נאצישן קיינמאָל נישט פארקויפן“.

און דער דזשענטעלמאן איז אוועקגעגאנגען און זיין פערזענליכקייט האָט איבערגעלאָזט אַ זער גוטן איינדרוק.

* * *

ס׳גייט אַוועק אַ יאָר. דער „דזשענטעלמאן“ באווייזט זיך ווייטער. ווייז איך אים מיין שאך שוין אַ פארטיקן. די זילבערנע פיגורן האָבן בריליאנטן אין די אויגן, אויגן וואָס יעדער שאך־מאטיסט דארף האָבן, און די זילבער־פאָרגילדעטע האָבן רובינען אין די אויגן, אויגן וואָס יעדער שאך־מאטיסט האָט. און מיר באטראכטן נאָך א מאָל דעם נאצישן און מיר זען צוויי וועלטן און איך פרעג אים: „קענסטו מיר זאָגן ווען דער נאצישער שאך איז געוואָרן פאבריצירט?“

„אַ צוויי־דריי יאָר פאר דער מלחמה“, ענטפערט ער.

זאָג איך צו אים: „אָט דאָ זעסטו די עוואלוציע, די ימי משחית פון וועלט פארניכטונג“.

צוערשט פאַרלירט אַ פאָלק געפיל פאר גאָלד און זילבער, און פאר אלע מעטאַלן און שטיינער טייערע. דערנאָך האָבן זיי קיין רחמנות אויף האָלץ און ליים. דערנאָך הרג׳ט מען אויס די מינאָריטעטן, די שוואַכע און קראנקע, ציגיינער און יידן און ס׳נעמט נישט לאנג און מ׳איז שוין אויפן דרך המלך צו פארטיליקן ס׳גאנצע מענשליכע מין און אויך פון די ערד מאכן אַ תוהו ובוהו. און אזוי ווי ס׳זיינען דאָ טרעפן צו שעפערישקייט אַזוי זיינען דאָ טרעפן וואָס פירן צו פארניכטונג.

אז דער „דזשענטעלמאן“ איז שוין איינשטימיג מיט מיר, מיט יעדן וואָרט, פרעג איך אים:

„קענסט מיר ערקלערן פארוואס די ארבייטער רעגירונג וואס פרעטענדירט צו זיין אַזוי פראָגרעסיוו, פארוואָס ערלויבט זי דעם אָרגאַניזירטן יידנהאס פון מאָזלי׳ס באוועגונג. ס׳מוז דאָך פירן צו בלוט פארגיסונג, ווײ טון דעם ייד און דעגראדירן ענגלאַנד“.

„איר האָט גאַנץ רעכט“, איז ער מסכים.

ענדליך פרעג איך אים: „ווער ביסטו? וואָס איז דיין נאָמען?“ ענטפערט ער:

„מיין נאמען איז „מוין.“ פרעג איך אים „מוין“, ביסטו דער זון פון לארד מוין, וואָס איך, האָב אין מצרים, מיט עטליכע יאָר צוריק געהרג׳ט“.

„יאָ“, ענטפערט ער. „איך בין איצט לאַרד מוין אָבער דו האָסט דאָך אים נישט געהרג׳ט“.

„אָבער איך פיל זיך פאַראַנטוואָרטלעך אַז יידן זאָלן באַגיין אַזאַ מאָרד“. און איך פיל ווי די פיס ווערן ביי מיר שוואַך. אַפילו מיין לייכטן גוף קענען זיי נישט טראָגן און ס׳ווערט מיר אייז־קאַלט. ער האָט באַמערקט מיין פאַרלעגנהייט, טרייסט ער מיך: „אָבער דו ביסט דאָך נישט שולדיק און ס׳איז קיין ייד נישט שולדיק. ווען מען וואָלט מיינע ליבסטע געפיניקט אין נאַצישע קאָנצענטראַציאָנס לאַגערן וואָלט איך אויך געוואָרן אַ מערדערער“. און ער רעדט ווייטער: „פון מאַזלי׳ן לייד איך מער פון דיר: זיין איצטיק ווייב איז געווען מיין ווייב, און די שוין אויפגעוואַקסענע צוויי קינדער פון אונזער הייראַט זיינען זעקס חדשים אונטער זיין רשות און זעקס חדשים אונטער מיין רשות און איך מוז אין מיינע זעקס חדשים אויסרוימען דעם סם פון האַס וואָס ער גיסט אַריין, און זיינע זעקס חדשים אָבער, לייגט ער צו מיט אַ פריילעך פנים — „איך בין מנצח!“

זאָג איך: „ס׳איז דאָך פשוט אומגלויבליך ס׳זאָל זיין צווישן אונז אַזאַ נאָענטע פאַרבינדונג. הערט אַ געשיכטע!

די ערשטע צוויי קינדער פון מאַזליס ערשטער הייראַט פון דער יידישער פרוי, זיינען דאָך מיינע האַרציקע פריינט. זיי קומען אָט דאָ אַריין ווען זיי האָבן נאָר אַ געלעגנהייט און איך ווייז זיי די שענסטע קונסטווערק אין צירונג און ענטפלעק פאַר זיי די הערלעכסטע געדאַנקען פון יהדות.

און ווייסטו וואָס נאָך? איך טראָג זיך אַרום מיט דער פאַנטאַזיע אַז ווען מאַזלי וועט גיין אין דעמאָנסטראַציע קעגן יידן וועל איך גיין אין אַ קעגן דעמאָנסטראַציע מיט זיין זון און טאָכטער. אָבער איך גלויב נישט צי איך וועל האָבן גענוג חוצפה פאַר אַזאַ זאַך. אויסער די חוצפה, איז אונזער פריינטשאַפט געבויט אויף דער הייליקייט פון קונסט און די געטלעכקייט פון יהדות און דאָס קען מען נישט און מען טאָר נישט שלעפּן אין גאַס אַריין.“

צו די פיגורן פונם מגילת־אסתר־שאַך אויף זייטל 3.

1) מלך אחשורוש היט זיך קודם־כל די קרוין און די קעשענע.

2) אסתר המלכה קאָקעטירט אין 64 מדינות מיט איר אַרמיי שיינע גלידער.

3) מרדכי ברעכט זיך דעם קאָפּ: יידן ווו לויפט מען? וואָס טוט מען? וואָס וועט ווערן פון מיין אסתרכע?

4) און אין אַ ווינקעלע אויף אַ טורעם זיצט דער שרייבער־קיבעצער און גיט די גאַנצע וועלט עצות.

5) אַ טשערעפּאַכע רוימט אײַן אין אויער פון פערד: וואָס ביסטו אַזוי צוהיצט? וואָס פליסטו? ווערסט סיי ווי האָבן דעם סוף פון יעדן נפש!

6) קיינער האָרכט נישט אויסער דאָס זעלנערל.



א. מ. קייזער

## ער האָט נעבעך פונטן...

.1

אַזוי דערציילט די געשיכטע:

. . . . . און, אַז דער ענגלענדער האָט זיך מיט זיין פונט אַריבערגעכאַפּט קיין פראַנקרייך, האָט ער זיך דאָרט געפילט אַזוי שטאַרק, שטאָלץ און שטייף, גלייך ווי דער גאַנצער ערד־קוגל וואָלט ביי אים, ווי אַ פוטבאָל, געלעגן ביי די פיס.

קוים איז ער נאָר פון שיף אַראָפּ, האָבן צענדליקע פראַנצויזן אַרום אים הכנעהדיק אַרומגעפּויזעט; זיך געלאַשטשעט צוטראָגן זיין געפּעק, אָפּצופּוצן זיינע שיך און חניפהדיק אים אַ שוועבעלע אָנגעריבן און זיין „פּייפ“ אָנגעצונדן.

יונגע, לעבנסלוסטיקע, שוואַרצאויגיקע פראַנצויזקעס האָבן אים ליבעסבליקן געוואָרפן, און מיט זייערע פאַרפיומירטע אָטעמס האָבן זיי אים די לופט פאַרשמעקט. דער ענגלענדער האָט געמעגט זיין אַ יונג צוציקל פון אַ יאָר אַכצן אָדער אַ זקן פון אַכט און אַכציק, ווען מ׳האָט געדאַרפט אַרומפירן אויף אַ וועגעלע — אַלץ איינס האָבן זיי געהאַט דעם זעלביקן גרויסן דערפאַלג ביי די פראַנצויזישע מאַדמואַזעלס.

און, אַז דער ענגלענדער איז אויפן באַנהויף צוגעגאַנגען צו דער וועקסלשטוב און פון זיין טייסטער אַרויסגענומען אַ פונט צו טוישן, האָבן זיך אין די אויגן פונם קאַסיר באַוויזן צוויי פייערלעך. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער פונם ענגלענדער צוגענומען דעם „סוד פון זיין דערפאָלג“ — דאָס פונטעלע און האָט עס טיף אין דער קאַסע באַהאַלטן, און אים, דעם ענגלענדער, האָט ער דערלאַנגט אַ פּעקל פאַפּירלעך; צעקראָכענע, ברודיקע און באַשוויצטע פאַפּירלעך. „שמאַטעס“ האָט מען זיי גערופן. פאַר איין ענגלישן פונט האָט מען אים געגעבן אַ באַרג „שמאַטעס“. נאָר מיט די־אַ „שמאַטעס“ האָט ער געבערנט אַ וועלט.

— טרעגער! טראָג מיר מיין טשעמאָדאַן!

— טרעגער! טראָג מיר מיין רעגנשירעם!

— טרעגער! טראָג מיר מיין „פּייפ“!

און ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען צו באַנוצן אַזוי פיל טרעגער וויפיל זיין ענגליש האַרץ האָט געגלוסט, שטיין אינם לוקסוס־רייכסטן האָטעל, עסן יונגע הינדעלעך געקאָכט אינם טייערסטן ווייסן וויין, זיך באָדן אין שאַמפּאַניער, און כסדר אַרומפליען מיט אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן אים געקאָסט — נישט קיין סך טייערער ווי אַ נסיעה מיט אַ לאָנדאָנער טראַמוויי.

יאָ, מיט די פונטלעך האָט מען געקאָנט הוליען אַ טאָג מיט אַ נאַכט...

.2

אַזוי דערציילט די געשיכטע.

אָבער די געשיכטע איז נישט אַלט, ווייל דאָס אַלץ איז געשען ערשט

נעכטן, ווען זיין מאַיעסטעט דער „פונט“ איז זיך גאַנץ ברייטלעך געזעסן אויף דער כסא־מלוכה און געקיניגט ביד־רמה.

היינט אָבער, ווען דער פונט איז לאַ־עליכם געוואָרן אַ יורד, איז דאָס בילד פונם ענגלענדער אין פראַנקרייך גאַנץ אַנדערש, ס'האָט גאָר אַן אַנדער פּנים.

היינט, באַלד ווי דער ענגלענדער שטעלט זיין פוס אַראָפּ אויפ'ן פראַנצויזישן באָדן, באַגעגנט אים אַ ים פון בייזע, ביסטרע בליקן. מען קוקט אויף אים ווי אויף אַ סוחר, וואָס האָט זיך „אָפּגעשטעלט“, אַנגעזעצט און געוואָרן אַ קבצן.

און אַז דער ענגלענדער גייט צו מיט זיין אַמאָליקן שטאָלץ צו דער וועקסל־שטוב און נעמט אַרויס מיט אַרויפגעצויגענער גאווה דאָס גרינע פּאַפּירל, וואָס איז באַצירט מיט דער באַקרוינטער יוסטער נקבה, וועלכע זיצט מיט'ן סצעפּטער אין האַנט; אָט דאָס־אָ פּאַפּירל פאַר וועלכן אַלע האָבן זיך ערשט נעכטן געבוקט, ווערט מיט אַמאָל אַ גרויס כיכיקעריי:

— כי־כי־כי!

— כאַ־כאַ־כאַ!

דאָס לאַכן אַזוי די געפּעק־טרעגער, און זיי וואַרפן זיך אַדורך מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „ווי געפעלט אייך עפּעס דער קבצניוק?“

קאָן עס שוין דער ענגלענדער נישט איבערטראָגן. סטייטש, זיי, די „פאַרענערס“, די אויסלענדער, זאָלן האָבן די העזה חוזק צו מאַכן פון אַן ענגלענדער, און ער רופט זיך אָן מיט כעס:

— העי, איר „פאָרענערס“, דרך־ארץ! איך בין אַ בריטישער!

ענטפערט מען אים שוין מיט שוים אויף די ליפּן:

— מיסטער דזשאָן דלפון! רעדט צו אונז מיט אַביסל מער רעספּעקט. פאַרגעסט נישט אַז מיר זענען פראַנקן! נישטאָ מער יענע צייטן ווען מיט אַ פונט האָט איר אונז אַלע געקאָנט אויפעסן. אויס!

די „שמאַטעס“ האָבן רעוואַלטירט און זענען איצט עולה לגדולה געוואָרן.

מילא, שלינגט שוין דער ענגלענדער אַראָפּ די „פאַרציע“, וואָס ער האָט דאָ אויפן ניכטערן מאָגן באַקומען, און ער זאָגט שוין מיט אַ ווייכערן טאָן:

— אָבער, „פּליעז“, זייט מוחל, וועקסלט מיר אַ פונט.

— היינט — ענטפערט אים שטייף דער קאַסיר — וועקסלען מיר נישט קיין פונטן. היינט איז זונטאָג, ווייסן מיר נישט וואָסאַרא קורס עס קאָן זיין מאָרגן. מאָרגן קאָן גריילעך זיין, אַז דער פונט זאָל מער נישט האָבן די ווערט פון איין פראַנק. אַ קשיא אויף אַ מעשה? בפרט נאָך, אַז איר שטייט פאַר אַ נייער רעגירונג.

ווערט אים, דער ענגלענדער, גוט זויער אויפן האַרצן. באין ברירה, נעמט ער דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס און שפּאַנט אַוועק צופוס אין האָטעל אַריין. קומט ער אָן אַהין אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרמאַטערטער. גייט ער גלייך צו צום עמפּאַנגס־טיש און לייגט דאָרט אַוועק זיין ענגלישן פּאַס מיט די צווי באַקאַנטע לייבן, וואָס האַלטן די קרוין אין זייערע לאַפּעס. אָבער די לייבן



שרעקן שוין קיינעם נישט. מען קוקט זיך אַפילו אויף אים נישט אום, ווייל מען איז פאַרנומען מיט בילכערע געסט, וואָס קומען פון האָלאַנד, בעלגיע, שווייץ, שוועדן — די לענדער מיט „שטאַרקע“ וואַלוטעס. ערשט, אַז מען האָט זיך מיט די אַנדערע חשובע געסט אָפּגעפּרייט, פרעגט אים דער האָטעלטשיק גאַנץ פּשוט, צי ער האָט עפּעס ביי זיך „שמאַטעס“, פראַנקן בלע״ז?

— ליידער — ענטפערט ער מיט אַ נידערגעשלאָגענער שטים — האָב איך בלויז פונטן.

און דאָס וואָרט „פונטן“ רעדט ער אַרויס אַזוי שטיל, אַזוי בלחשדיק, גלייך ווי ער וואָלט זיך אַרומגעטראָגן מיט עפּעס נישט קיין שיינע זאַך.

— פ ו נ ט ן? —פאַרקרימען זיך דאָרט אַלע אָנגעשטעלטע, און ער פילט אַז דאָס חיות עקט זיך אים. די פונטן ווען אים אין דער אדמה לייגן.

בעט ער זיך ביים האָטעלטשיק, אַז ער זאָל אים כאָטש לאָזן איבערנעכטיקן. מאָרגן וועט ער שוין זען צו באַקומען אַביסל „שמאַטעס“ פאַר זיינע שלימזלדיקע פונטן.

קווענקלט זיך דער האָטעלטשיק און בשעת־מעשה וואַרפט ער אַן אויג אויפן טשעמאָדאַן פונם ענגלענדער. נאָר זעענדיק אַז דער טשעמאָדאַן איז נישט־קשהדיק גרויס און קענטיק אויך שווער, איז ער מסכים דעם אורח לאָזן איבערנעכטיקן. און ער פאַרשטופּט אים ערגעץ־וואו אין אַ בוידעם־שטיבל אָן פענצטער.

מילא, אַ געלעגער האָט ער שוין אויסגעבעטלט. אָבער וואָס טוט מען מיט דער אכילה? דרייט ער זיך אַרום אַ הונגעריקער, אַ פאַרחלשטער און שלינגט די סלינע.

און אין קעשענע ביי אים ליגן — פונטן.

3.

אמת, ער האָט געוואוסט, אַז דער פונט זיינער איז נעבעך אַ חלוש, אַן אָפּגעצערטער, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס, אָבער ער האָט זיך נישט גערעכנט אַז די נייע וואָלן זאָלן אים מאַכן פאַר אַזאַ חולה־מסוכן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז מיט זיינע בידנע עטליכע פונט וועט ער אָפּריכטן אַ באַשיידענעם „וויק־ענד“ אין פּאַריז. לבסוף ריכט ער גאָר אָפּ.... תעניתים און פאַרבייסט מיט חרפּות און בושות.

— קיין בעסערע סחורה — פרעגט מען אים מיט אַ ביטערע איראָניע — האָט איר נישט געקאָנט ברענגען? פאַרוואָס האָט איר בעסער נישט מיטגעבראַכט אַביסל זאָקן און וואָלענע אונטערוועש? איר וואָלט באמונות דערפון געהאַט אויף עטליכע מיטאָגן און טאַקע פאַרן האָטעל אויך.

און היות ווי ער האָט זיך זער געגוויטיקט, טאַקע גאָר זער, אין אַביסל „שמאַטעס“ צו נעמען אין מויל אַריין, פּשוט אויף עסן, האָט ער פאַרבעטן צו זיך אין האָטעל אַריין די אמתע שמאַטעלייניקעס, די סוחרים פון אַלטע טראַנטעס און פאַר זיי געעפנט זיין טשעמאָדאַן.

— נאָט, מעסיו! קויפט אייך דאָס אַלץ אַוועק. איך דאַרף גאָרנישט.

איך קאָן צוריקפאָרן אין איין פאָר הויזן, אַבי לאָמיך אַריבער דעם לאַמאַנש אַ גאַנצער.

און — מזל און ברכה! זיי האָבן ביי אים אָפּגעקויפט די עטליכע פּאָר זאָקן, אונטערוועש, פּידזשאַמע, שלאָפראָק, אַלץ־אַלץ וואָס ער האָט מיט־געבראַכט פאַרן „וויק־ענד”. בלויז דעם ליידיקן טשעמאָדאַן האָט מען אים איבערגעלאָזט. קיין טך האָט ער פאַר דער „סחורה” נישט באַקומען, נאָר עס האָט אים געקלעקט אויף אָפּצאָלן דעם האָטעל, אָפּעסן מיטאָג, און — השיבנו נאַזאַד! ער האָט פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און איז גיך אַוועק צוריק קיין ענגלאַנד.

קומענדיק אויף דער ענגלישער גרעניץ, פרעגט אים דער צאָל־באַאַמטער, ווי דער שטייגער איז, וואָס אַזוינס האָט ער אין טשעמאָדאַן.

— „ראַביש”! — ענטפערט ער אַ פאַרצאָרנטער.

אויף אונזער לשון הייסט עס: ש מ אַ ט ע ס.

און דער צאָל־באַאַמטער האָט אים מיט זיין שאַרפן בליק דורכגעשפּיזט. ס'איז אים נישט געפעלן דער ענטפער. עפּעס איז דער ענין פאַרדעכטיק, ניט גלאַט כשר. האָט ער דעם טשעמאָדאַן געהייסן עפענען. און ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן בעת ער האָט דערזען זיין „אינהאַלט”: אינם גרויסן פוסטן טשעמאָדאַן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט פינף ענגלישע פונטן!

— אַט דאָס זענען — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכל — די שמאַטעס?

און מיטן בלויען קרייד זיינעם האָט ער געמאַכט אַ סימן אויפן טשעמאָ־דאַן, אַז דער צאָל איז דערליידיקט.

---

ס. פּאַלמע

## שלח־מנות (מאַנטאַוש)

מיינע קאָלעגן שרייבער און דיכטער אין לאָנדאָן

„ווען די וועלט ברענט”,
קומען גזירות. ס'ציטערן הענט.
דאָ און דאָרטן אַ מענטש עס פאַלט
דורך גוואַלד
„אונטערן שווערט”;
פינצטער ווערט
ווען „דער האַקן־קרייץ” נעמט איבער די ממשלה מיט זיין קומען
און צעטראָטן ווערן לעבנס ווי די בלומען
און „פאַרוויסטע ערד” ליגט פאַר'חושכ'ט און צעגליט
און „אַרויס פון כאַאָס” קאָן מען ניט,
אָבער „קינדער פון שטורעם” ווילן ניט אונטערגיין,
אָ, ניין!
„וועלט און מענטש” וועט אייגענע קבורה ניט אונטערשרייבן



און וועט כאָטש איין מענטש פאַרבלייבן,
און כאָטש „ערד־וויי” וועט זיין גרויס,
דאָך וועלן פון „ירושלים” אויס
זיך דערטראָגן „נשמה־קלאַנגען”
מיט געזאַנגען
און „גלאָקן אין מדבר” וועלן קלינגען און וועקן
די „קינדער פון מאָרגן” אין אַלע פיר עקן
אויפצושטיין
און אַנטקעגן גיין
מיט „רויטע רויזן” און „בריליאַנטן”,
מיט „וויזיאָנען און איידלשטיינער”
און קיין איינער
וועט מער ניט ליידן פון אָנשיקעניש און ווילדע פּלאָגן,
ס'זאָל קיין איינער ניט זיך מוזן יאָגן
נאָך „מלאכה בזויה”
און ניט פלאָנצן און ניט זייען מער קיין פרעמדע זריעה
און קיין „חיוב פון אבילות” מער „צווישן אייגענע פיר ווענט”
און זאָלן שמידער־הענט
צוריק באַהעפטן „רינגען און קייטן”,
זאָל יעדנס שלעכטע טאַט „דער משפט” באַגלייטן
און באַשטראָפן,
און צו אַ חשבון רופן
אויך „דעם נאַציס אידישע טאָכטער”, וואָס האָט אַזוי פיל פאַרפירט
און רעגירט
אַפילו איבער „למך הראשון” און „למך השני”
לא עלינו; —
די גאַנצע דינאַסטיע למך האָט זי באַליידיגט,
זייער לעצטן ביסל שכל אויסגעליידיגט; —
„לאַכט אויב איר ווילט”, „ביי אונדז אין ווייטשעפּל”,
ס'איז דאָך קיין געלעכטער ניט.
ס'איז דער קלוגער קיין גערעכטער ניט
און איצט „דער שדים־טאַנץ” אין מיטן העלן טאָג,
און היינט „דיאַלעקטיק” — אדרבא, נעם און זאָג:
וואָס זענען עס פאַר אַ „לעסטערונגען” צווישן אייגענע דלד אמות?
זאָלן אידישע קינדער און אויך טאַטעס און מאַמעס
כאָטש איין מאָל דאָס וויסן, —
אַז געניסן
קאָן מען נאָר פון „דאָס ליד פון לעבן”
וואָס גאָט אַליין האָט אונדז געגעבן.

## מאקס קאהען

# דער גענעראַל און דער פערדישער נביא

עס האָט פּאַסירט אין יאָר 1920. אויסנעמענדיק אַלע זומער די תלמוד־תורה־קינדער אין וואַלד אַריין אָדער צום ים און משמח זיין זיי, איז דער יאָר געווען אַן אויסנאַם, ווייל מיר האָבן זער פיל געלאַכט.

איינער פון אונזער קאָמיטעט, אַ היציקער ייִד מיט באָרד און פּיאות און וועלכער האָט געהונקען; צי איין פוס איז ביי אים געווען לענגער אָדער דער צווייטער פוס — קירצער, ווייס איך נישט. נאָר ער איז געגאַנגען מיט אַ שטעקן; אָט דער ייִד איז געוואָרן זער באַגייסטערט, און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו ווערן אַ גענעראַל.

אזוי ווי עס זענען דאָ פיל שטאַמלער, וואָס ווילן רעדן אַ סך, אַזוי האָט ער געקויפט די קינדער זיסקייטן און אויך צוגעזאָגט געבן זעקס פּענעס יעדן, אַז זיי זאָלן זיין געהאָרכזאַם און פאָלגן אַלע זיינע באַפעלן.

האָט ער אָנגעטון זיין הוט אַלאַ־נאַפּאָלעאָן און געמאַכט זיין שטעקן פאַר אַ פערד, און האט גענומען אויסשטעלן די קינדער אין רייען, ווי זעלנער.

מיר האָבן זיך, נאַטירלעך, צולאַכט פון דער סצענע. נאָר אויף די קינדער איז געבעך געווען אַ רחמנות. זיי האָבן מורא געהאַט צו לאַכן, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלירן דאָס צוגעזאָגטע געלט. ווען אָבער ער האָט געענדיקט זיי אויסשטעלן און איז אוועק פאָרויס צו פירן די „אַרמיי", האָבן זיך די קינדער שטאַרק צולאַכט און גענומען נאָכמאַכן ווי ער הינקט.

היינט שטעלט אייך פאָר אַ הינקענדיקן גענעראַל מיט באָרד און פּיאות מיט אַ הינקענדיקער אַרמיי!

אַז מיר זענען דעמאָלט לעבן געבליבן פון געלעכטער, זענען מיר געווען שטאַרקער ווי אייזן. פאַרן רבין זאָל געזונט זיין, האָבן מיר זיך אין גאַנצן דערשראָקן. זיין פּנים איז געווען פאַרגאָסן מיט טרערן פון געלעכטער, און עס האָט גענומען אַ שיין שטיקל צייט ביז ער האָט זיך באַרואיקט. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַזוי האַרציק נישט געלאַכט זינט ער געדענקט; אַזאַ סצענע האָט ער נאָך נישט געזען.

געפינענדיק זיך אין אַזאַ פריילעכער אַטמאָספערע, רופט זיך אָפּ איינער אַ מיטגליד פון קאָמיטעט, אַז מאָרגן קומט פאָר זער אַ באַרימטער פערדלעך־געיעג, וואָס דער קעניג מיט דער קווין דאַרפן זיין דערביי. וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז מען זאָל דינגען איינע פון די קאָטשעס, מיט וועלכער די קינדער זענען געקומען, און דער קאָמיטעט זאָל פאָרן זען דעם געיעג און אויך זוכה זיין צו זען דעם קעניג מיט דער קווין.

מיר האָבן אַלע איינגעשטימט. מיר האָבן געדונגען איינע פון די קאָר־טשעס; די „תלמידי חכמים פון הלכות פערדלעך" האָבן זיך איינגעקויפט די נייטיקע „ליטעראַטור"; אויך האָט מען נישט פאַרגעסן קויפן אַביסל בראָנפן



מיט פאַרבייסן, און אויף מאָרגן, ניין אזייגער אין דער פרי, זענען מיר אַוועק־געפאָרן.

די „תלמידי חכמים" האָבן זיך אַוועקגעזעצט שטודירן די „תורה" פון הלכות פערדלעך. איך, זייענדיק אַן „עם־הארץ" אין דעם ענין, האָב אַריינגע־נומען אין געדאַנק, אַז דעם ערשטן נאָמען פון אַ פערדל, וואָס איך וועל הערן, קומענדיק אויפן פּלאַץ, זאָל איך „בעקן". און איך האָב אויך באַשלאָסן וויפל איך זאָל אַרויפלייגן. איך האָב מיר געמאַכט אַ גוטן „לחיים" און פאַרביסן, און קוק זיך איין אויף דער לאַנדשאַפט, וואָס איך האָב זער ליב, דורך וואָגען די קאַטש פאַרט דורך.

מיר זענען דורכגעפאָרן שטעט, שטעטלעך, דערפער, וועלדער און פעל־דער, פאַרבייגעפאָרן וואַסערן, ביז מיר זענען בשלום אָנגעקומען אויפן גע־וואונטשטן פּלאַץ. מיר זענען אַריין וואו דער קעניג מיט דער קווין געפינען זיך. איך הער אַ נאָמען פון אַ פערדל, אויף וועלכן מען „לייגט" ניין צו צוויי. איך האָב אַרויפגעשטעלט צוויי פונט, ווי איך האָב באַשלאָסן. און עס גע־דויערט נישט לאַנג און דער פערדל לויפט און געווינט. איך נעם אָפּ עלף פונט: מיינע צוויי און ניין פונט געוואונענע.

האָב איך געקויפט פאַר א שילינג אַ קאַרטל, וואָס מען טראָגט דאַרט אַרום, אויף וועלכן עס זענען אויסגעשריבען די נעמען פון די פערדלעך, וואָס לויפן דעם טאָג. איך זוך אַ נאָמען, וועלכער זאָל מיר געפעלן. עס אַרט מיך נישט ווער ער איז, וואָס ער האָט אויפגעטון אין זיין לעבן, ווער זיינע עלטערן זיי־נען געווען, ווער זיינע רביים זיינען געווען און אויך אָפילו נישט ווער זיינע בעלי־בתים זענען; פונקט אַזוי ווי עס פירן זיך די ריכטיקע „תלמידי חכמים" פון הלכות פערדלעך.

הכלל, עס לויפט אַ פערדל מיט'ן נאָמען „מערי בלאַנש". דער נאָמען געפעלט מיר זער, ווייל „מערי" איז דער טייטש אויף ענגליש „פריילעך"; און „בלאַנש" האָט געהייסן אַ נאָרוועגישער שניצער, מיט וועמען איך האָב געאַרבייט און וועלכער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער אויף פיגורן.

אַזוינע צוויי דערהאַבענע נעמען דאַרף מען „בעקן".

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ „בוק־מייקער" און פרעג אים וויפיל ער וועט מיט לייגן אויף מערי בלאַנש. זאָגט ער:

— פערצן צו איינס.

האָבנדיק שוין ניין פונט געוואונענע און צוויי נעמען, האָב איך אַוועק־געלייגט פיר פונט, נישט צוויי, ווי איך האָב באַשלאָסן. און איך בין צוריק־געגאַנגען צום קאָמיטעט.

זיי פרעגן מיך וואָס איך האָב איצט „געבעקט". און איך זאָג זיי. הויבן זיי אָן אויף מיר צו שרייען און געוואַלדעווען, אַזוי איך וואָלט זיי, חלילה, צעקוי־לעט זייערע קאַפּאָטעס. זיי זאָגן מיר, אַז אַ מענטש ווייסט נישט, פאַרוואָס בין איך זיי נישט געקומען פרעגן. אַז איך האָב שוין געוואונען אַ פּאָר פונט זאָגן זיי, דאַרף איך שוין באַלד אָפּגעבן צוריק! זיי מאַכן אַ תל פון מיין פערדל,

און טענה'ט אַז נישט נאָר ער וועט נישט לויפֿן, נאָר ער וועט אפילו נישט אָנהויבן גיין.

זאָג איך:

— וועט זיין לא פידלתי, האָב איך נישט געטאַנצט מיט'ן בער!

הכלל, מיין פערדל לויפט און געווינט... איך נעם אָפּ ביים „בוק־מייקער־זעכציק פונט; מיינע פיר און זעקס און פופציק געוואונענע, אין פינף־פונטיקע באַנקנאָטן. און איך קום נאָך מיטן געלט אין האַנט צום קאָמיטעט. טו זיי אַ זאָג:

— ווי געפעלט איך! אַ מענטש ווייסט נישט דעם אונטערשייד פון אַ קאַץ ביז אַ פערד און „בעקט" צוויי געווינערס, איינעם נאָכן אַנדערן!

דאָ האָב איך זיך געפילט באַליידיקט:

— וואָס הייסט, איך ווייס נישט דעם אונטערשייד פון אַ קאַץ ביז אַ פערד! וואָס בין איך דען אַ בהמה צי אַ פּיפּערנאָטער, אַז איך זאָל נישט וויסן דעם אונטערשייד פון אַ קאַץ ביז אַ פערד!

און ווי געווינטלעך, אַז איינעם גייט גוט, ווערט ער שוין אַ חכם. טו איך זיי אַ זאָג:

—מיינע ליבע יידן, וואָס איך האָב פאַרגעסן פון פערד, וועט איר אין אייער לעבן נישט וויסן!

און פון וואַנען ווייס איך דאָס אַזוי וועגן פערד? אַלס יינגל פלעג איך גאַנץ אָפט קריגן מיט אַ בייטש, אָנהענגענדיק זיך אויף אַ וואָגן. און אַמאָל, גייענדיק בײנאַכט פון חדר, פלעגט מיך אַ בעל־עגלה נעמען אונטערפֿאָרן. זאָל איך נישט וויסן וואָס פערד זענען!...

הכלל, אַזוי ווי יעדער איינציקער משוגענער קריגט אָנהענגער, האָבן זיי אָנגעהויבן גלויבן, אַז איך ווייס; און בעטן מיך, אַז איך זאָל מיט זיי מיטגיין זען די פערד, ווען מען פירט זיי אַרויס ווייזן דעם עולם אידער זיי לויפן. עס ווערט מיר נישט גוט. איך בין אַריינגעפאַלן. מ'טאָר קיין ליגנער נישט זיין! נאָר אַ ברירה האָב איך געהאַט? בין איך געגאַנגען.

איך האָב זיך איינגעקוקט, ווי אַ ריכטיקער מבין, און ווייז זיי אָן אויף אַ פערדל. מיר אַלע „בעקן" אים, און ער לויפט און געווינט... אַזוי האָב איך געטראָפן נאָך צוויי געיעגן. איך וואָלט דעם לעצטן אויך געטראָפן, ווען דער פערדל קומט דער ערשטער...

מיר האָבן אַלע געוואונען אַ סך געלט, און איך — מער ווי זיי; און מיר פאָרן אַהיים לעבעדיק, פריילעך; עס איז „ליהודים". זאָג איך:

— עס וואָלט געווען נישט מער ווי ראַטזאַם, אַז אַ חלק פון דעם געוווּנענעם געלט זאָל גיין פאַר די תלמוד־תורה קינדער אויף אַ פורים סעודה, ווייל עס איז געווען אין זייער מזל. זיי האָבן אַלע איינגעשטימט.

נאָר איך האָב געהאַט אַ לאַנגע צייט אויסצושטיין פון דעם קאָמיטעט, ווייל זיי פלעגן קומען צו מיר, אַז איך זאָל זיי זאָגן נבואות וועגן פערדלעך.



האָב איך זיי געזאָגט, אַז פון אויסנווייניק קען איך נישט, איך מוז זען די פערד.

איז צו מיר געקומען דער גאַנצער קאָמיטעט מיטן גבאי בראש, און מיך געוואָלט נעמען צום פלאַץ און באַצאָלן אַלע מיינע הוצאות. נאָר איך בין נישט געפאָרן, ווייל עס איז איינמאָל אַ חכמה; און אויך ווייל איך האָב נישט געוואָלט פאַרלירן דעם נאָמען אַלס „פערדישער נביא".

אַזוי בין איך שוין פאַרבליבן „דער פערדישער נביא". און אויך אַ נביא אויף צוויי פיסלדיקע פערד.

און פורים האָבן מיר געפּראַוועט אַ סעודה כיד המלך און די מלמדים און תלמידים האָבן געקראָגן שיינע שלח מנות און דעם הינקענדיגן גענעראַל האָבן מיר דערהויבן אַלס קעניג אחשורוש. און איך מרדכי בן מנחם מענדל הכהן האָב מיך געפילט ליהודימדיק ווי מרדכי הצדיק אויפן פערד.



„יוסף און זיינע ברידער" יולוס ראָזענבערג

די רעפּראָדוקציע „יוסף און זיינע ברידער" איז פון דער זייער געלונגענע אויסשטעלונג איצט אין „בן־אורי", פון די צוויי הויך טאַלענטירטע קינסטלער יוליוס ראָזענבערג און אַדעלאַ רייפּענבערג. צווישן די פיין־פאַרביקע לאַנדשאַפטן און שטילעבנס, געפינען זיך אויך גוט־דערפילטע ביבלישע מאָטיוון.

א. פלוני

## א טעמע

. . . און די מאסע איז געבליבן
שטיין אין אומעט דערדריקט
אין יעדן האלז האָט
אַ שטיל געוויין געשטיקט.

פארשוואונדן איז יעדער שמייכל
אָפּגעווישט יעדע שפור פון פרייד
עס האָט יעדעס הארץ געצאפּעלט
אין גיהנום׳דיגן לייד.

נור דעם דיכטערס פּנים
געשיינט האָט מיט אַ גליקלעך ליכט
ס׳אר אַ גליק, ער האָט געפונען
אַ רירנדע טעמע פאר אַ געדיכט.

באַ׳לידל׳ען וועט ער דעם אומגליק
דעם מאסן שוידערדיק געוויין
יעדער פערז וועט זיין אַ פּערל
פול מיט גראציע פול מיט חן.

און די מאסע וועט עס לעזן
מיט דרך ארץ פארשטילט:
— ווער קען ווי דער דיכטער זען
און פילן וואָס זיין הארץ פילט?

— — — — — — — — — — —

אָבער אָרימער דיכטער פארבאָרגן
איז פון דיר דעם וועלטס געזיכט,
ווייל פאר דיר מיינט דאָס לעבן
נאָר אַ טעמע פאר אַ געדיכט . . .



אפרים טויבענהויז

## פורים׳דיקע חכמות

### 1. אויסגעהערט דעם אנדערן צד

איינמאָל, אין תענית אסתר האָט מען געכאַפּט אַ יידן, וואָס זיין נאָמען איז געווען שמעיה, ווי ער זיצט און עסט. פרעגט מען אים:

„ווי קומט עס ר׳ שמעיה, איר זאָל טאָן אַזאַ זאַך, און נישט פאסטן?"

— איך פאסט נישט תענית אסתר — האָט ער געענטפערט — ווייל ביי מיר קומט אויס פונקט פארקערט:

— אומגערעכט אין דער גאנצער מעשה איז געווען מרדכי, און המן איז גאָר דער גערעכטער.

אויפצומאָרגנס, זעט מען ווי ער איז זיך שטארק משמח, טאקע גאָר אויפ׳ן פורים׳דיקן שטייגער. פרעגט מען אים:

„ר׳ שמעיה, וויבאלד נאָך אייך קומט אויס, אז המן איז גאָר גערעכט, דארף ביי אייך נישט זיין פורים קיין יום־טוב?"

— פארשטייט איר מיך — ענטפערט ער — קיין איין צד טאָר מען קיינמאָל נישט אויסהערן. נעכטן האָט זיך מיר געדאכט אז המן איז גערעכט. נאָך דעם אָבער, ווען מ׳האָט געלייענט די מגילה איינמאָל און דאָס צווייטע מאָל און איך האָב גוט אויסגעהערט דעם אנדערן צד, זע איך, אז דער גערעכטער איז טאקע מרדכי.

* * * * *

### 2. קרעפלעך

א. „פאַרוואָס זענען קרעפלעך דרייקאַנטיק און נישט פיר־קאַנטיק?"

ב. „ווייל, ווען זיי זאָלן זיין פיר־קאנטיק, וואָלט מען אין זיי באדארפט אַריינמאַכן צ י צ י ת!"

* * * * *

### 3. די רעכטע צייט

איינמאָל אין פורים איז פארן לייענען די מגילה, אַרויף דער שאַגערער שטאָדט־משוגענער אויף דער בימה דאָרט אין שול, און אויסגערופן פארן עולם:

„אין נאָמען פון „פמליא של מעלה" בין איך מודיע, אז דער וואָס וויל האָבן די זכיה צו שטארבן אין חודש ניסן, איז שוין איצט די רעכטע צייט, ער זאָל קראנק ווערן און זיך לייגן צו בעט.

* * * * *

### 4. וואָס טויג די פּ׳ אין המן?

א. „וואָס טויג די פּ׳ אין המן?"

ב. „אין המן איז דאָך גאָר קיין פּ׳ נישטאָ!"

א. „פאַרוואָס זאָל זיך אין המן נישט געפינען קיין פּ׳?"

ב. „צו וואָס טויג די פּ׳ אין המן?"

א. „אָט דאָס האָב איך דאָך אין אָנהויב געפרעגט!"

### 5. דער פורים׳דיקער ראש־ישיבה

אין וואָלאָשנער ישיבה איז געווען אַ מנהג, אויסצוקלייבן אַלע פורים פון די ישיבה־בחורים איינעם אַלס „געמאַכטן" ראש ישיבה, וואָס איז געזעסן דעם פורים׳דיקן טאָג אויפן שטול פון ראש ישיבה און זיך געפירט ווי אַן אמת׳ער ראש ישיבה. איינמאָל אין אַ פורים־טאָג האָט דער פורים׳דיקער ראש ישיבה געכאַפּט אַן איבעריקע כוס׳ע און באַליידיקט דעם אמת׳ן ראש ישיבה גאָר אויף אַ גראָבן אופן. אויף צומאָרגענס, איז דער דאָזיקער ישיבה־בחור געגאַנגען צום ראש־ישיבה אים איבערבעטן און האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז געווען נעכטן אַביסל מבוסם און האָט נישט געוואוסט וואָס ער רעדט.

— אָט דערפאַר טאַקע — זאָגט אים דער ראש ישיבה — בין איך דיר מוחל. אין אמת׳ן וואָלט איך זיך געדאַרפט איינענטליך באַליידיקן, ווייל די וועלט זאָגט: „וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג איז ביי אַ שכורן אויפן צונג". די מעשה איז אָבער נישט תמיד אַזוי, און דערמיט איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן אַ זאַך, וואָס מיר איז שטענדיק געווען קשה: פאַרוואָס דאַרף מען ביי אַ בהמה בודק זיין די ריאות נאָך דער שחיטה, און אַז ס׳מאַכט זיך אַז זי ווערט טריף ברענגט עס אַ גרויסן שאָדן, בעסער וואָלט מען דאָך געקאָנט די בהמה פאַר דער שחיטה אָנשכורן און דערמיט שוין באַטראַכטן נאָר די צונג, וואָלט מען דאָך אַרויסגעזעהן וואָס אויף דער לונג?

איז דער תירוץ: „אַז ביי אַ בהמה איז שיכרות נישט קיין סימן".

---

## יחזקאל נח ערלעכמאַן

## א רב פון אנשי שלומנו

אַ שטאָדט אין גאַליציע האָט באַדאַרפט אויף צו נעמען א רב. איז אָבער די שטאָדט געווען געבענטש מיט אַ פרעזידענט און 2 פרנסים וואָס יעדער איינער פון זיי איז געווען א חסיד פון אַן אַנדערן רבי. און יעדער האָט אַרויס געשטעלט דעם קאַנדידאַט פון זיין רבינס „אנשי שלומנו".

ווען עס איז פאַרגעקומען די אסיפה (דער עלעקשאַן) ווי מען האָט באַדאַרפט צו באַטראַכטן ווער עס זאָל פאַרנעמען די שטעלע, שטעלט זיך אויף דער פרעזידענט און רעכענט אויס די גרויסע מעלות און גוטע מדות פון זיין רב — קאַנדידאַט. און לייענט אויך פאַר א בריוו פון זיין גרויסן רבין, ווי ער פאַרלאַנגט דורך אויס, אַז נאָר דער קאַנדידאַט, זאָל ווערן רב אין די שטאָדט.

שטעלט זיך אויף דער ערשטער פרנס, און שרייט, וואָס ביסט די אַזוי צוקאַכט מיט אַ בריוו פון דיין רבין? איך האָב אויך א בריוו פון מיין רבין ווי ער זאָגט בפירוש אַז נאָר זיין קאַנדידאַט זאָל ווערן רב אין די שטאָדט.

אין איך, — רופט אויס דער 2־טער פרנס — האָב אויך אַ בריוו פון מיין רבין ווי ער זאָגט זיך אַרויס נאָר פאַר מיין קאַנדידאַט. עס איז געוואָרן



אַ טומל און אַ קריגעריי, דער פרעזידענט האָט קוים איינגעשטילט דעם עולם. און זאָגט „מיין רבי איז דער גרעסטער, ער רעכענט זיך נישט און האָט נישט קיין מורא פאַר וועלכע אַנדערע רביים".

און מיין רבי — שרייט דער ערשטער פרנס — איז נאָך גרעסער, נישט בלויז פאַר רביים, נאָר אפילו פאַר מלאכים האָט ער אויך נישט קיין מורא.

און דאַן שטעלט זיך אויף דער 2טער פרנס און שרייט אויס מיט גרויס כעס. מיין רבי איז דער גרעסטער, ער האָט אפילו פאַר דעם רבונו של עולם אויך נישט קיין מורא...

---

## מאיר טויבענהויז (צפת)

## א פורים הוליאנקע אין סמירנע — די שטאָדט פון שבתי צבי

סמירנע די שטאָדט פון שבתי צבי מאַכט אַן איינדרוק אויף אַ ייד ווי איך, וואָס קומט אָן פון צפת. די שטאָדט איז מיר היימיש, כ׳קאָן סמירנע פון די ספרים, פון ר׳ חיים פאַלאַדזשי און פון די באַשרייבונגען וועגן שבתי צבי.

איך בין גראַד געקומען אַהין אַ טאָג פאַר פורים. די צוגרייטונגען צו דער פורים־פייערונג זענען אין סאַמע ברען, און אָט קומט אָן דער אָוונט. פון דערבייאיקע דערפער קומען אָן אייניקע יידישע ישוב׳ניקעס. זיי זען אויס, ווי לוסטיקע שניטער מיט הויפנס פון צייטיקע זאַנגען, זיי פלעכטן די זאַנגען אין גאַרטן און באַלד לייענט דער חזן די מגילת אסתר און דער גאַנצער עולם גייט אָפּעסן. אין אַ שעה אַרום איז שוין דער עולם אין גאַס. מען פאַרברענגט אין די גאַסן, עס איז לעבעדיק און פריילעך. דער גאַנצער עולם גייט אַרום מיט פאַרשלייערטע מאַסקעס און מען הוליעט, צוליב די מפּלה פון המנ׳ן.

צומאָרגענס, איז נאָך אַלץ די פרייד גרויס. קבצנים גייען אום איבער די גאַסן און מאַכן דעם עולם פריילעך מיט פאַרשידענע הומאָריסטישע פורים־לידער.

איינער אַן אַלטער שנאָרער, פאַרשטעלט ווי אַ רוסישער קאָזאַק זינגט אויפן קול:

„גוט פורים, גוט פורים, איר ליבע לייט  
ווייסט איר וואָס פורים באַדייט?  
פורים באַדייט צו זינגען  
כ׳האָב קיין געלט צו קלינגען,  
דעריבער, לאָזט מיר נישט לאַנג שטיין,  
ווייל כ׳מוז ווייטער גיין!

אין סמירנע און אויך אין אַדריאַנאָפּאָל קלייבט מען אויס אַ פורים־רב, און אויך אַ פורים׳דיקן „ראש הקהל", מען איז דערמיט מכבד דעם בעדער פון קהל׳שן באָד. אויך דער בעדער האָט משמח געווען דעם עולם מיט תורה׳ס פולע מיט הומאָר און סאַטירע, וואָס האָבן שטאַרק פריילעך געמאַכט אַלעמען.

## שמואל ווהייט

### כ׳האב מיין לעבן אדורכגעזיפּט

כ׳האָב מיין לעבן אַדורכגעזיפּט
אין דעם שפּיגל פון זיין, —
און דערזען מיך, מיין געזיכט
געריגצעלט אין מיין פּיין.

אַ לעבן פול מיט שטרויכלונגען,
וואו ס׳ברעכט מיין לעבנס בריק,
די העלע שטראַלן לעשן זיך,
לעשן מיין געגאַרט גליק.

איך האָב מיין לעבן אַדורכגעזיפּט
אין דעם שפּיגל פון זיין
און בלויז פון לעבן פאַרזוכט
דעם געייורטן זויערן וויין.

### דיר

די זון האָט איר העלעס ליכט געבאַרגט
פון דיינע צאַרט גאָלדענע האָר,
און די רויזן, זייער קאָליר און דופט,
און ווענוס אייפערט דיין שלאַנקע פיגור.

דיינע חנ׳עוודיקע פּערל ציין,
מיט זייער ווייסער קלאָרקייט אין זיי,
האָבן זיך שפּילענדיק געשפּיגעלט,
אינם ערשט דאָרט פאַלענד פרישער שניי.

און דעם דיכטער צו אינספּירירן,
פון וואַנען האָט פּעגאַזוס באַקומען ?
פון דיין שוועבעדיקן זיסן שמייכעל,
ווען אין שלאָף, דאָרט האָט ער עס גענומען.

### א תפילה

אַ גאָט, צינד אָן דעם העלן פלאַם
פון דערהאַבנקייט אין מיין האַרץ,
איך בלאָנדזשע דאָ איינזאַם אַרום,
אין אַ וועלט וואָס איז פינסטער שוואַרץ.



אַ גאָט, רייניק, מעק אויס אין מיר
דאָס שלעכטע וואָס איז נאָך פאַרבליבן,
איך פיל הילפלאָז דאָ ווי אַ שיפל
פון דעם לעבנס שטורם געטריבן.

אַ גאָט, טו מיין תפילה דערהערן,
באהעל מיין בלאָנדזשענדען דאָ זיין,
מיט דער העלקייט פון דיין אָפּשיין,
ווייל כ׳וועל דאָ צעשמעטערט ווערן.

### איך האב אריינגעקוקט אין דעם שטויביגן לעבנס פענסטער

איך האָב אַריינגעקוקט אין דעם שטויביגן לעבנס פענסטער
און דערזען דאָס פוסטקייט פון דעם דאָ־זיין.
דאָס נישטיקע האָט זיך מיט זיין נאַקעטער הוילקייט אנטפּלעקט,
דאָס מיסטעריעזע, דאָס סודות׳דיקע איז ווי אַ נעפּל צערונען,
אין דעם אָפּשיין פון דעם וואָס מ׳רופט לעבן,
וואָס דאָס שטויביקע, דאָס ערדליכע, וויל זיך הויבן,
וויל זיך באַוועגן און פאַלט צוריק צו דעם מקור צו דער ערד ;
איך זע דעם ראַנגעל, דעם לעבנס קאַמף,
די גיריקע גייציקייט, די אומצופרידענהייט,
ביז אויסגעהויכט ווערט דער לעצטער לעבנס אָטעם . . .

איך האָב אַריינגעקוקט אין דעם שטויביקן לעבנס פענסטער
און דערזען דאָס פוסטקייט פון דעם דאָ־זיין . . .

„אין חדר אריין“ 5/-
„אין זכות פון די טעג“ 3/6
„די גאולה שעה“ (אַ וויזיע) 5/-
פון
משה עובד
צו באַקומען ביים מחבר :
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפּענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

א. מ. פוקס

# טונקעלע טעג

## (דערציילונג)

(המשך)

### 2. דאס פארבארגענע ליכט

אין דעם בלינדן, ווייסן שניי־געווירבל, וואָס האָט גענומען טאָג און נאכט שיטן מיט שטומען, ווייכן געפלאַטער, ווי מיט גרויסע פלאָקנס צעבלאָזענע פעדערן פון עפעס אַ פארהוילענעם, אָפגעפליקטן הימל־פויגל, און טויב פארזונקען די וויסטע וועלט אין טויטן געבלי פון ווייסן חושך, האָבן זיך ברייהש־פארהאָוועט געטראָגן עפעס שוואַרצלעכע ווייבער־געשטאלטן, קורצע און דיקע, פארפוצטע אין סקרעמסקע פוטער־מאנטלען, מיט גילדענע אויערינגען, נאָר מיט וואָכנדיקע, געפראַנזטע שאלן אויף די קעפּ. זיי האָבן אויסגעזען דאָ ווי עפעס פרעמדע, ברוגזע, אָנגעדרודלטע מחותנתטעס, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען לאַדן וועגן אַ שידוך דאָ, ווי היימישע גבאיטעס מיט פרומע רחמנות־פנימער, וואָס מאכן צונויף אַ נדבה פאַר אַן אָרעמער קימפעטאָרין, כ׳זאָל נישט אויסגערעדט זיין. ס׳זיינען געווען די שטעטלדיקע נגידית׳טעס, רחלע די שענקערין מיט איר טאָכטער רייזעלע, זאנוועלע פּויטיקעס ווייבצירעלע מיט אירע צוויי טעכטער, דעם חזנס שנור אין אַ שייטל, דעם קרעמער יאקל זעליגס שוויגער, עפּעס אַ פרעמדע יידינע אין אַ רויטער, טערקישער שאַל, מיט אַ בלינד אויג, קרום אונטער דער נאָז.

זיי האָבן געגרעגערט מיט געניטע, סוחרישע רייד פון פארשנירעוועטע מיילער, וואוילקענעוודיק אָפּגעפּיינט, געסודעט אויפן וואונק מיט די יידן אין מאַרק, אין די שטיבער, אין גמינע־ווינקל. און מ׳האָט געזען באשיינפּערלעך, אַז די ווייבער פאָרן זיך שוין געשמאַק אין דעם עסק צונויפצומאכן „קאָנטריבוציע״־געלט, כדי „אָפּצובעטן״ דעם פוילישן קאָמאַנדיר.

— מילא, וואָס זאָל מען טון? אַז מ׳איז אין גוישע הענט; אַז די פריצים זענען געוואָרן גזלנים; אַז זיי האָבן די מאכט און הערשן איבערן ייד מיט ווילדן הפקר, מוז מען זיי פארשטאָפּן די פיסקעס מיט עטלעכע רייניש, ביז דער רוח וועט זיי כאַפּן און מען וועט פטרן די צרה.

— מזומן, מזומן... אויסקויפן ס׳שטיקל לעבן ביי די פּאַנעס...

— אַ מכה אין די גדערים וואָלט עך ליבער געגעבן דעם אדון.

— עך וואָלט אים כח געהאט אויסצודרייען אַ פּוס; אויף מיין נאמנות!

— האָט געזאָגט דער שטענדיק גוטמוטיק־צעשמייכלטער ריזיקער יונג, שייקע לייזערס, מיט זיין גרויסן גוישן פוטער־ספּאָדיק אויפן דיקן קאָפּ.

נאָר ישראל־עלי, דער בעדער, האָט עפּעס זער צעהיצט דווקא אונטערגעהאָלפן די ווייבער סודן און דינגען:

— נו, יידן, וואָע־דען... וואָס האָט ער געזאָגט? אַז מען וועט נישט נותנען קיין מזומנים אין דער יד אַריין, וועט זיין לא טוב? עך זאָג מיינס: מען זאָל



טאָקע נותנען וויפל דער פּריץ וויל, און זאָל ער ווערן די כפרה! — ער האָט וואוילעריש געוואונקען מיט אַ פארקוועטשט אויג און מיט שפעטיש־צעקרומטע לעפצן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די ווייבער וועלן שוין ביי דער טריפה אָפּלעקן אַ פעטביינדל. האָט ער טאָקע גערעכנט זיך צוצושטעפן פאַר אַ שותף, אָבער אפנים אַז נאָך אנדערע יידן זענען געפאלן אויף דעם זעלבן שכל, וואָרום זיי האָבן זיך גענומען זייטיק שאַרן ארום די ווייבער, פארטראָגן געקוקט אין די הענט אַריין, געהאָלפן מיט די אויגן ציילן צופליקטע און פארקלעבטע געלט־פּאַפּירלעך, און ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז די לייט ווילן עפּעס אַלע זיין שותפים צו דעם עסק. מען האָט זיך געשטופּט אַלע אינאיינעם, גערדרענגט, אונטערגעהויבן אויף איין שטיקל אָרט מיט די הענט און מיט די קעפּ און מען האָט פלוצים פארגעסן צוליב וואָס מ׳איז געקומען אַהער: וואָס מ׳טוט דאָ אין דער גמינע. מ׳האָט זיך היציק געקריגט, גלייך מען וואָלט טאָקע שוין געוואָלט זיך טיילן מיט עפּעס אַ ריווח. נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס, ווער און ווען. די פּנימער זענען געווען בלייך און צעפלאַמט פון ירגזון, די נעז — פארקרומט פון שפּאָט, די בערד — האָפּערדיק אונטערגעהויבן און מען האָט געהערט צעפילדערטע קולות:

— אַזוי?... טאָקע?... נו, נו, כאַפּט נישט, איר זענט דאָ נישט איינער אויפן יאַריד, ר׳ הערש... פּאַוואָליע מיטן דישעל.

— וואָס רייסטו עפּעס ארויס יענעם דעם ביסן פונם מויל? פע, משה־יאנקל, ס׳איז נישט שיין, כ׳לעבן. דו גראָבער פּיפּיק, מעגסט דעך שעמען אין דיין ווייטן האַלז אַריין.

— וואָס?! אייך קומט איינגאנצן, ר׳ זיינוועלע? איר האָט שיין געדרשנט, האָ?

— שאַ, שאַ, שרייט נישט אַזוי! האָט מען שוין געזען אַזוינס? ביי לייט וויל מען פארכאַפּן די גאנצע וועלט. עך בין אויכעט אַ שותף און שוין. איר מעגט מעך רופן צום רב.

— עך בין דאָ אָוא שיינער ייד, ווי איר, איר הערט, ר׳ ישראל־עלי? עך רייס אייך אויס די באָרד מיט די פּאות!

— הער נאָר דו, וואוילער יונג, מיט מיר וועסטו נישט רעדן שיין. סענדערל, דו שגץ איינער וואָס דו ביסט, אַרויס פון דאנען זאָג עך דיר! וואָרום עך פּאַטש דעך אַן ווי אַ לונג... אַרויס!...

— האָ, וואָע? מעך טרייבט איר? עך זעץ אייך שוין אויס די ציין.

סענדער האָט אַ געפערלעכן בליץ געטון מיט זיינע שאַרפע שלענגער־אויגן און גיך אַ הויב געטון זיין אייזערן־געביילטן קיליק ישראל־עלין גלייך אין פּנים אַריין. נאָר יענער האָט מאכטיק אַ טרעסע געטון זיין שווערן לייבגרייווע קאָפּ און נאָך גיכער מיט איין האנט אַ כאַפּ געטון דעם קרעפּקן יונג פארן קאָלנער, אונטערגעהויבן אים גרינג אין דער לופטן, ווי אַ קעצל אַרויסצוואוואַרפן... מיט גרימיקן געברום האָבן זיך צעפּיירעט אַ שטויס געטון די שווערע געשטאלטן פון זון, ברידערס, פעטערס, קרובים, זיך אָנצונעמען די

א. מ. פוקס

# טונקעלע טעג

### (דערציילונג)

(המשך)

## 2. דאָס פאַרבאָרגענע ליכט

אין דעם בלינדן, ווייסן שניי־געווירבל, וואָס האָט געגומען טאָג און נאַכט שיטן מיט שטומען, ווייכן געפלאַטער, ווי מיט גרויסע פלאַקנס צעבלאָזענע פעדערן פון עפּעס אַ פאַרהוילענעם, אָפּגעפליקטן הימל־פויגל, און טויב פאַרזונקען די וויסטע וועלט אין טויטן געבלי פון ווייסן חושך, האָבן זיך בריהש־פאַרהאָוועט געטראָגן עפּעס שוואַרצלעכע ווייבער־געשטאַלטן, קורצע און דיקע, פאַרפּוצטע אין סקרעמסקע פוטער־מאַנטלען, מיט גילדענע אויערינגען, נאָר מיט וואָכנדיקע, געפּראַנזטע שאַלן אויף די קעפּ. זיי האָבן אויסגעזען דאָ ווי עפּעס פרעמדע, ברוגזע, אָנגעדרודלטע מחותנתטעס, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען לאַדן וועגן אַ שידוך דאָ, ווי היימישע גבאיטעס מיט פרומע רחמנות־פּנימער, וואָס מאַכן צונויף אַ נדבה פאַר אַן אָרעמער קימפּעטאָרין ׳ כ׳זאָל נישט אויסגערעדט זיין. ס׳זיינען געווען די שטעטלדיקע נגידית׳טעס, רחלע די שענקערין מיט איר טאָכטער רייזעלע, זאַגוועלע פּויטיקעס ווייב צירעלע מיט אירע צוויי טעכטער, דעם חזנס שנור אין אַ שייטל, דעם קרעמער יאַקל זעליגס שוויגער, עפּעס אַ פרעמדע יידענע אין אַ רויטער, טערקישער שאַל, מיט אַ בלינד אויג, קרום אונטער דער נאָז.

זיי האָבן געגרעגערט מיט געניטע, סוחרישע רייד פון פאַרשנירעוועטע ביילער, וואוילקענעוודיק אָפּגעפּיינט, געסודעט אויפן וואונק מיט די יידן אין מאַרק, אין די שטיבער, אין גמינע־ווינקל, און מ׳האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז די ווייבער פאַרן זיך שוין געשמאַק אין דעם עסק צונויפצומאַכן „קאָנטריבוציע״־געלט, כדי „אָפּצובעטן״ דעם פוילישן קאָמאַנדיר.

— מילא, וואָס זאָל מען טון? אַז מ׳איז אין גוישע הענט; אַז די פּריצים זענען געוואָרן גזלנים; אַז זיי האָבן די מאַכט און הערשן איבערן ייד מיט ווילדן הפקר, מוז מען זיי פאַרשטאָפּן די פּיסקעס מיט עטלעכע רייניש, ביז דער רוח וועט זיי כאַפּן און מען וועט פּטרן די צרה.

— מזומן, מזומן... אויסקויפן ס׳שטיקל לעבן ביי די פּאַנעס...

— אַ מכה אין די געדערים וואָלט עך ליבער געגעבן דעם אדון.

— עך וואָלט אים כּח געהאַט אויסצודרייען אַ פּוס; אויף מיין נאמנות!

— האָט געזאָגט דער שטענדיק גוטמוטיק־צעשמייכלטער ריזיקער יונג, שייקע לייזערס, מיט זיין גרויסן גוישן פוטער־ספּאָדיק אויפן דיקן קאָפּ.

נאָר ישראל־עלי, דער בעדער, האָט עפּעס זער צעהיצט דווקא אונטערגעהאָלפן די ווייבער סודן און דינגען:

— נו, יידן, וואָע־דען... וואָס האָט ער געזאָגט? אַז מען וועט נישט נותנען קיין מזומנים אין דער יד אַריין, וועט זיין לא טוב? עך זאָג מיינס: מען זאָל



טאַקע נותנען וויפל דער פּריץ וויל, און זאָל ער ווערן די כפּרה! — ער האָט וואוילעריש געוואונקען מיט אַ פאַרקוועטשט אויג און מיט שפּעטיש־צעקרומטע לעפּצן געגעבן אָנצוהערניש, אַז די ווייבער וועלן שוין ביי דער טריפה אָפּלעקן אַ פּעט ביינדל. האָט ער טאַקע גערעכנט זיך צוצוטשעפּן פאַר אַ שותף, אָבער אָפּנים אַז נאָך אַנדערע יידן זענען געפאַלן אויף דעם זעלבן שכל, וואָרום זיי האָבן זיך גענומען זייטיק שאַרן אַרום די ווייבער, פאַרטראָגן געקוקט אין די הענט אַריין, געהאָלפן מיט די אויגן ציילן צופליקטע און פאַרקלעבטע געלט־פּאַפּירלעך, און ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז די לייט ווילן עפּעס אַלע זיין שותפים צו דעם עסק, מען האָט זיך געשטופּט אַלע אינאיינעם, געדרענגט, אונטערגעהויבן אויף איין שטיקל אָרט מיט די הענט און מיט די קעפּ און מען האָט פּלוצים פאַרגעסן צוליב וואָס מ׳איז געקומען אַהער; וואָס מ׳טוט דאָ אין דער גמינע. מ׳האָט זיך היציק געקריגט, גלייך מען וואָלט טאַקע שוין געוואָלט זיך טיילן מיט עפּעס אַ ריווח. נאָר קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס, ווער און ווען. די פּנימער זענען געווען בלייך און צעפּלאַמט פון ירגזון, די נעז — פאַרקרומט פון שפּאָט, די בערד — האָפּערדיק אונטערגעהויבן און מען האָט געהערט צעפּילדערטע קולות:

— אַזוי?... טאַקע?... נו, נו, כאַפּט נישט, איר זענט דאָ נישט אייניער אויפן יאַריד, ר׳ הערש... פּאַוואָליע מיטן דישעל.

— וואָס רייסטו עפּעס אַרויס יענעם דעם ביסן פונם מויל? פּע, משה־יאַנקל, ס׳איז נישט שיין, כ׳לעבן, דו גראָבער פּיפּיק, מעגסט דעך שעמען אין דיין ווייטן האַלז אַריין.

— וואָס?! איך קומט אינגאַנצן, ר׳ זיינוועלע? איר האָט שוין געדרשנט, האַ?

— שאַ, שאַ, שרייט נישט אַזוי! האָט מען שוין געזען אַזוינס? ביי לייט וויל מען פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט. עך בין אויכעט אַ שותף און שוין. איר מעגט מעך רופן צום רב.

— עך בין דאָ אַזאַ שיינער ייד, ווי איר, איר הערט, ר׳ ישראל־עלי? עך רייס אייך אויס די באָרד מיט די פּאות!

— הער נאָר דו, וואוילער יונג, מיט מיר וועסטו נישט רעדן שיין. סענדערל, דו שגץ איינער וואָס דו ביסט, אַרויס פון דאַנען זאָג עך דיר! וואָרום עך פּאַטש דעך אָן ווי אַ לונג... אַרויס!...

— האַ, וואָע? מעך טרייבט איר? עך זעץ אייך שוין אויס די ציין.

סענדער האָט אַ געפּערלעכן בליץ געטון מיט זיינע שאַרפע שלעגער־אויגן און גיך אַ הויב געטון זיין אייזערן־געביילטן קוליק ישראל־עלין גלייך אין פּנים אַריין. נאָר יענער האָט מאַכטיק אַ טרעסע געטון זיין שווערן לייבן־גריווע קאָפּ און נאָך גיכער מיט איין האַנט אַ כאַפּ געטון דעם קרעפּקן יונג פאַרן קאָלנער, אונטערגעהויבן אים גרינג אין דער לופטן, ווי אַ קעצל אַרויסצוּוואַרפן... מיט גרימיקן געברום האָבן זיך צעפּייערט אַ שטויס געטון די שווערע געשטאַלטן פון זון, ברידערס, פעטערס, קרובים, זיך אָנצונעמען די

קריוודעס פון די צדדים און צו דערלאנגען פעטש, ביז ס׳האָט איבער די קעפּ פון דעם מוראדיק־פאַרהאַקטן, גריילעך־צעכעסטן געזעמל אַ קוויטשיקן הילך געטון דעם קאָמאַנדירס געשריי מיטן קנאַק פון זיין לעדערנעם קאַנטשיק:

— פשיאַקרעוו, זשידזשי!... שטיל זאָל זיין!... טשיכאַ, שאַ... דאָס געלט אַהערגעבן...

דאָס געפילדער האָט זיך פּאַוואָליע געלייגט. מען האָט געגרעגערט מיד און חרפּהדיק־אויסגעהוילט, מיט אַ פּנים פון חוזק, ווי אויף אַ פוסטן יאַריד, און מען האָט זיך פלוצים אַרומגעזען, אַז אַלע לייט פון זייער באַגערן צו פאַרדינען עפּעס, נאָר פאַרט זעט קיינער נישט אַ שפּיץ פון אַ גראַצער. בלויז דער איינציקער יונג, שייקע־לייזערס, איז עפּעס נישט געווען קיין שותּף. ער האָט פריילעך געפּייפט מיטן מויל און געפּיקט דיני־קערלעך, גלייך דער גאַנצער עסק וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. ווארום אים האָט מען אַרויסגעשטעלט, אים, דעם גראָבן קאָפּ, ווי זיין טאַטע לייזער האָט ברוגז געטענה. און אַזוי ווי ס׳איז טאַקע נישט געווען ווער ס׳זאָל איינצאָלן געלט, האָט מען זיך אַ נעם געטון צו שייקען, ער זאָל צאָלן די מזומנים. די ווייבער האָבן שאַרפער פאַרשנורעוועט די מיילער, סודותדיק געוואָרנט שייקען, אַז מען וועט אים אָפּגעבן פאַר אַ זעלנער און אַרועקשיקן צום פראָנט. טאָמער וועט ער אַנטלויפן, וועט מען אים כאַפּן און דערשיסן. זיין מחותּן, ישׂראל־עלי דער בעדער, האָט אים גיך און הייס אויפן אויער אַן עצה געגעבן, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין טענות, שייקע, נאָר באַלד משלם זיין פאַר זיך און אויכעט אויסלייגן פאַר אים, ישׂראל־עלין, דעם חלק געלט. וואָס דאַרף ער מורא האָבן? מען וועט זיך שוין דערנאָך, אַז מען וועט פּטרן די כלבים מיט די זעלנער, אָפּרעכענען. נישקשה, ס׳עט אים נישט פאַרפאַלן ווערן, שייקען. ער, ישׂראל־עלי, איז נאָך אין שטעטל אַ גוטער בטוח, ברוך השם; איאָ צי ניין?

שייקע האָט שוין, צעשמייכלט, אַ פידל געטון מיטן גראָבן פינגער אונטער דער קיילעכדיקער, געשטופּלטער נאָז זיינער: אַ סימן, אַז ער איז מסכּים. און ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע דעם לעדערנעם טייסטער זיינעם. ער ווייסט עפּעס חכמות, שייקע? אַז מען דאַרף צאָלן איז צאָלן. ער איז געווען אַ פורמאַן, אַ סוחר, געאַרבעט אויפן טאָג ביי דער באַן, געלאָדן געהילך, געטריבן בהמות און פאַרדינט אַ פולן טייסטער צעפּליקטע געלט־פּאַפּירלעך. — כ׳האָב׳ס אין דער ערד, וויפל קאָסט? — נאָר זיין טאַטע, לייזער, האָט זיך גיך אונטערגערוקט און שווער געשאָקלט זיין עקשנותדיק־פאַרגרעבטן קאָפּ מיט דער געלעכערטער יאַרמולקע, און מיט גערעכטן ירגזון געזאָגט צום זון:

— אוי, דו איוואַן־גוי, אוי, דו כאַלעמקע־שוסטער, דו ווילסט געבן געלט? האָ? אָט־אַ־דאָס־אַ וועסטו אים געבן, דעם בעדערוק! עך צעברעך דיר דאָ די ביינער מיט אים אינאיינעם. הערסט, שייקע? — און לייזער האָט זיין מחותּן, ישׂראל־עלין, אַריינגעשטופּט אַ פייג פון די שוואַרץ־פאַרמאַזאַליעטע פינגער גלייך אין פּנים אַריין:



— נאַדיר... אָט האָסטו ריווח...

ישׂראל־עלי ווידער, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגעטראָטן אַ האָר דעם וועג, האָט אויכעט אַצינדער נישט אין זינען געהאַט צו שווייגן.

— הערסטו, לייזער, — האָט ער געזאָגט, אַ גלעט טוענדיק זיין געלע, צעשויבערטע לייבן־גריווע, ווי מיט גרימיקן נחת, — הערסטו וואָס עכ׳ל דיר דערציילן, דו ליימענער גולם, פון דיר וועט שוין קיין לייט נישט זיין, כ׳לעבן, ביסט געווען אַ פערד און וועסט שוין בלייבן אַ ווײַדל. הלוואי נעמט מען דעך צו פאַר אַ זעלנער אין דער מלחמה אַריין, און מען לייגט דעך דאָרט אַוועק ווי אַן אָקס. דו ווילסט דעך טאַקע שלאָגן מיט מיר, האָ? אַנו, קום נאָר אַהער, עך צעמאָל דיר די ביינער...

— דו זאָרג דעך בעסער נישט פאַר מיר, ישׂראל־עלי, צאָל דו איין ס׳געלט, וועט מען דעך נישט נעמען צום רוח. וואָס מיינסטו אַ שטייגער, האָ? אָט אַז מעך קענסטו אָפּנאָרן מיט דיינע שמד־שטיק? עך באַהאַלט דעך אין כאַלעווע פון מיין שטיוול ווי גרויס דו ביסט. אַנו, קום נאָר אַהער... עך פּלעט דיר דעם מוח...

אַ האַרבער ביטול־שמייכל קרייזלט שפּעטיש אויף זיין גרויסער, געשטופּלטער נאָז, ווי אַ לימענע, אַז די לייט שיסן אויס מיט הילכעדיקע געלעכטערס. פון די צוויי ייִדן, וואָס שטייען זיך אַקעגן מיט האָפּערדיקן שטרייט־לופּט, ווי אָנגעדרודלטע הענער, און מען גיט זיי אונטער חשק:

— דערלאַנג אים, ישׂראל־עלי...

— לייזער, טו אים אַ טאַפּ די זשאַבריס...

נאָר פּלוצים האָט ווי אַ דונער אַ זעץ געטון אַ שוואַרצער קניפּ פון בהלהדיקע נייעס. וואָס? מ׳האָט פאַרזאָרגט גענומען פּליסטערן מיט פנימער נענבלייכע און פאַרוואָלקנטע אויגן. אַז רוטענער מיליטער רוקט זיך שוין נעענטער אויפן שטעטל? ס׳זענען דאָ צווישן זיי פּעטלורעס באַנדעס־קאָזאַקן, רוצחים? ס׳קאָן זיין, חלילה, נאָך ערגער ווי ביי די פּאָליאַקן. זיי האָבן שוין פאַרכאַפּט די באַן־סטאַנציע און די הילצערנע בריק איבערן געפרוירענעם טייך. די פּאָליאַקן, הערט מען, גרייטן זיך שוין צו מאַכן אַ ויברח. סענדער מנחמס האָט זיך זייער צערודערט געשטופּט צווישן דעם געזעמל ייִדן און פאַרשטערט געוואָרפן מיט די הענט:

— אוי, אַ כאָליערע זאָל דאָס טרעפן, וואָס וועט עפּעס זיין? ס׳טויג נישט...

ער האָט מורא, אַז ר׳איז געוואָרן אַן אָרעמאַן מיט אַ טשיפּ. ווארום די לייט האָבן געשמועסט, אַז דאָס גאַנצע פּאַפּירן־געלט האָט שוין ווידער אַמאָל פאַרלוירן דעם ווערט; ס׳איז נישט ווערט מער אַ ציבעלע־שאָלעכץ. מען מעג שוין נעמען די צעריסענע און פאַרקלעפּטע געלט־פּאַפּירלעך, די קראַגעס מיט די קאַרבאַוואַנצעס און זלאָטעס, און זיי אַרויסוואַרפן אויף אַ ריין אָרט. ישׂראל־עלי האָט שוין טאַקע אַן עצה געגעבן, אַז מען זאָל אין די געלט־פּאַפּירלעך

אײַנוויקלען אַ גאָלדן זייגערל, וועט זיך אפשר געפינען אַ בעלן אויפצוהייבן די מציאה.

— מעגסט דיר שוין, כ׳בעט איבער דיין כבוד, מיטן געלט....

מ׳האָט באַטריבט באַדויערט אייזיק דעם שוחטס, וואָס איז נעבעך בדלת געוואָרן. זיין זון אין אַמעריקע האָט אים געהאַט געשיקט צען דאָלאַר. אַ פאַרמעגן! נעמט אייזיק, דער חכם וואָס פאַרזאָרגט די וועלט, און בייט גיך אויס די גוטע, קנאַקעדיקע צען דאָלאַר פאַר טויזנט רוטענער קאַרבאַוואַנצעס און באַהאַלט דעם פּאַק צעפּליקטע פּאַפּירלעך אין בעט אונטערן שטרוי־זאַק.

— נו, ר׳האָט שוין גוט אויסגעשפּעקולירט. ער מעג שוין נעמען זיי שמאַטקעס און מיט זיי אונטערהייצן דעם אויוון.

מ׳האָט דערציילט, אַז דער נגיד זיינוועלע פּויטיקע איז טאַקע שוין אָפּגעברענט. דער פּוילישער קאָמאַנדיר, וואָס האָט ביי אים אָפּגעקויפט אַ גאַנצן וואָגן מיט הונדערט זעק האָבער פּוראָזש, האָט אים געצאָלט פאַר דער סחורה מיט אַ גאַנצן זאַק פּויליש געלט, מיליטערישע פּאַפּיר־זלאָטעס, און זיינוועלע האָט שוין אָנגעוואוירן אַ פאַרמעג. נאָר זאָרג נישט. ס׳קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז אין איין קעשענע איז ער געוואָרן אַן אָרעמאַן און אין דער אַנדערער נאָך אַ גרעסערער עושר. וואָרום ער האַנדלט אויכעט אין טאַרנאָפּאָל מיט וואַליוטע.

— זעסטו, נו... אָט וועט ער זיך טאַקע גיין צערימען דעם ספּאָדיק טאָמער ווערט מען אַן ביי לייטנס אַ סך געלט. הערט איר מענטשן, אַ מערכה עך האָב נישט אַ גראַצער ביים פּיפּיק. אַאַאַ, אַ מחיה, כ׳לעבן. עך בין מיר אַ פרייער פויגל. פון מיינעטוועגן מעג זיך איבערקערן די וועלט מיטן געלט מיט די נגידים אינאיינעם. וועט עס מעך אַרן ווי די וואַנט... פאַרקערט, הלואי העלפט גאָט!...

אַזוי מאַכט דער אויסגעדאַרטער, רויטער הערש מיט אַ צופרידן גלאַנצל פון שאַדן־פרייד אין זיינע פאַרלאָשענע אויגן פון הונגער און דחקות; און די אָרעמעלייט געבן אים גערעכט:

— יאָ, יאָ, אודאי, וואָע־דען, היינטיקע פינסטערע צייטן איז אַפילו אַמאָל בעסער צו זיין אַ קבצן אין זיבן פאָלעס. ס׳קומט צונויף...

נאָר פאָרט האָבן זיי אין די שטיבער געביטערט מיט שווער פאַרזאָרגטן זיפץ: אוי, ווי, וואָס וועט זיין דער תכלית? פרנסה איז נישטאָ און דער יקרות וואַקסט ווי אויף הייוון. אַ פונט מעל קאָסט שוין אַ הונדערטער און אַ מעסטל בולבעס — אַ טויזנטער. קיין אַרבעט איז נישטאָ. האַנדל איז פאַרבאָטן. די גוים ווילן די יידן נישט פאַרקויפן אַביסל שפּייז און ס׳איז נישטאָ מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. מ׳האָט שוין געזען אַזאַ סדום? די גוים אַליין ווילן נישט אָננעמען דאָס געלט פון זייערע אייגענע מלוכות. זיי ווילן נאָר נעמען אויסלענדישע, גילדענע און זילבערנע מטבעות, און זיי טון אַ ביס מיט די ציין, כדי צו פּרוּוון צי ס׳איז נישט קיין פאַלשע מטבע פון מעש צי פון בליי. נאָר דער ייד מוז „לויטן געזעץ" אָננעמען זייערע ווערטלאָזע געלט־פּאַפּירלעך.



טאָמער נישט, זעצט מען איין אין אַרעשט און מען גיט קלעפּ.

ווי אַ סטאַדע וועלף, גריילעך־צעוואָיעטע, אין בלינדן שניי־געווירבל, האָבן איבערן שטעטל געבושעוועט שייקעס שכור־צעהוליעטע זעלנער־רעקרוטן מיט רויט־צעיושעטע פּנימער. זיי האָבן צעוואַקלט געשפּאַנט און געזונגען און געפילדערט מיט היזעריקע, צעכריפּעטע קולות, ווילד געשריגן „בעי זשידאָוו", געוואָרפן שטיינער אויף די געהויקערטע, יידישע שטיבער און אויסגעהאַקט די פענסטער מיט שרעקיגן קלונג פון די צעבראָכענע גלאָזשויבן. אין מאַרק האָבן זיי אַלעמאָל אויפגעהאַקט אַ געוועלבל, מיט אַ פּוסטויס איבערגעקערט די שטעלעס פון די זיצערינס, און די גויעס האָבן צוכאַפּט ס׳ביסל סחורה־אָרעמקייט. די פאַרחושכטע יידינעס, אָנגעפּעלצט אין צעפּליקטע טיזליקעס מיט מענערשע שטיוול, האָבן זיך מיט זיי געריסן, געליאַרעמט און געשאָלטן:

— אַ בראָך, אַ שטאָך, אַ שרפה, אַ מגפה...

אין מיטן נאַכט האָבן די זעלנער בייז געפּויקט מיט די ביקס־קאָלבעס אין פון די בעטן, געשלאָגן און געפּייניקט, געזוכט געלט, וואָפן און שפּייז; גערויבט דאָס לעצטע, וואָס ס׳איז זיי נאָר געקומען אונטער די לאַפּעס און די טירן, אַריינגעריסן זיך ווי גזלנים אין די שטיבער, אַרויסגעשלעפּט די יידן אָוועקגעפירט די מאַנסלייט פאַר אַ משכון. קליינע קינדער האָבן יאָמערלעך געוויינט פון שרעק. בלייכע מאַמעס האָבן פאַרצרה׳ט געבראָכן די הענט. מיידן האָבן זיך, בלאַס און בהלהדיק, באַהאַלטן אויפן בוידעם; און די יונגען האָבן אָנגעגרייט העק...

מ׳האָט געכאַפּט און איינגעזעצט אין קעלער פון גמינע־אַרעסט אייזיק דעם שוחטס, מעביל דעם סטאָליאַר און דעם שוואַרצן לייבע. מיט אַ מעסער אין האַנט האָט זיך לייבע אויף זיין שטייגער געוואָרפן אויף די זעלנער און איינעם פון זיי צעקיילט. מען האָט אים געבונדן מיט אַ שטריק און אין דער גמינע האָט אים דער פּוילישער קאָמאַנדיר אַזוי מוראדיק געקאַטעוועט מיט זיין לעדערנעם קאַנטשיק, אַז פון לייבעס נאַקעטן, דעמבע־שטאַרקן לייב האָט געשפּריצט דאָס בלוט ביז צו דער סטעליע. נאָר ער איז געשטאַנען האַרטנעקיק־אויסגעגלייכט, דעם שווערן, בלויזן קאָפּ מיט דער שוואַרץ־געזילבערטער, געדיכט־צעקנאָדערטער באָרד, ווי פון עפּעס אַ שטרענגן גדלות דערהויבן, די ציין פאַרהאַקט פון ברענענדיקע יסורים און מיט בליציקער שנאה פון זיינע שמאָל־צעשפּיזלטע אויגן, טיף פאַרזונקענע אין די קנעכערנע שאָטן־לעכער אונטער די געדיכט־צעשויבערטע ברעמען־בינטן, האָט ער פאַרביסן געקוקט דעם פייניקער גלייך אין רויט־צעכעסטן פּרצוף און אַלעמאָל אויף אים אַ שפּיי געטון מיט גרימיק־דערוואָרגענעם ברום:

— טפו, דו חזיר־מאָרדע... מעגסט גאָט בעטן, אַז דו זאָלסט נישט אַמאָל אַריינפאַלן אין מיינע הענט...

און ווידער האָבן שאַרף איבער זיין בלוטיק־צעשונדענעם אויבערשטן נאַקעטן לייב גרווילעך געפייפט די צעפייערטע שמיץ פונם לעדערנעם קאַנ־

טשיק, מיט נאָך שטאַרקער צעגליטער רציחה.

די גוים האָבן בייז געלאַכט און געשפּעט פון נקמה איבערן ייד. די באַוואָפנטע וואָך־זעלנער האָבן מיט די ביקס־קאָלבעס געשטויסן דעם געבונדענעם אין רוקן און די יידן דאָרט האָבן, בלייבע פון צער און צאָרן, זיך געריסן צעפאָבעט פון אָרט, כדי זיך אָנצונעמען פאַרן געפּייניקטן. און מען האָט אים געמוטיקט מיט אַ גוט וואָרט:

— האַלט דיך, לייבע... האָב נישט קיין מורא... שטאַרק זיך, דעם המן אויף צעפּיקעניש... געדענק אין גאָט, לייבע...

ווי פון אַן אייזערן־ענגען קלעם האָט לייבע צו זיי שווער אַ ווענד געטון דעם צעהאַקטן קאָפּ. אויף זיין האַריק געבלוטיקט פּנים האָט גערוט אַ מילדע, פרומע מנוחה, וואָס האָט קלאָר געלויכטן פון זיינע שטריינג פאַרצוואַנגטע אויגן. און אויף זיינע צעריסענע לעפצן האָט פאַרבאָרגן געשוועבט אַ באַשיידן־פריידיקער שמייכל, ווי דענסטמאָל אום פּסח, ווען ער פלעגט צווישן עולם באַשטראַמלטע יידן אַהיימגיין פון דער שול, פונם שחרית דאַווענען, ווי אַ דעמב געשטרעקט אין דער שוואַרצער, צייגענער בעקעשע, דאָס שוואַרצע שטריימל האָפּערדיק־טיף פאַררוקט אביסל אויפן אויער, לויטן שטייגער פון די פּראָסטע לייט, דעם צונויפגעלייגטן טלית אונטערן אָרעם, זיין קרעפּקע יינגל ברוך'ל אין האַרטן, נייעם אַנצוגל, מיט אַ גילדן בענדל אויפן היטל־דאַשעק און אַ גרויסן סידור אויבעט אונטערן אָרעם האָט ער געפירט ביים הענטל איבערן ליידיקן, זוניק־גלאַנציק פאַרגאָסענע מאַרק מיט די פאַרשלאָפענע יידישע געוועלבן און ווי אַ פאַרגאָסענעם, גוישן לייטער־וואָגן מיט איין מאָגער פערדל אין מיטן אונטערן בלאָען הימל־געצעלט פון זילבערדיק־געלעכטיקטן פרילינג־טאָג. די נשמה, גאָט־גלייביק, דערהויבן און אָנגעזאַפּט מיטן הייליקן געזאַנג פון די שול־תפילות, אויסגעצוואָגן און אויסגערוט, ווי פון אַ גאַנץ־יאָריקער שווערער האָרעוואַניע מיט די פילע משא־זעק אויף די פּלייצעס. דאָס גרינגע געמיט, אָנגעקוועלט מיטן צעשיינטן נחת פון פאַרפּוצטן ווייב און שיין־אויפגערוימטער שטוב. פריילעך פאַרשמעקט מיט מצה, ראָזשינקע קידוש־וויין, און זעט און ער האָט מיט לייטזעליקן קאָפּ־שאָקל געבאָטן דענסטמאָל די לייט:

— אַ גוט יום־טוב... גוט יום־טוב, ר' לייבע... גוט יום־טוב...

(המשך קומט)

„ירושלים“ פון א. נ. שטענצל

אַ בוך פון איבער 140 זייטן לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס

פּרייז: 7/6

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען



## א. נ. שטענצל

### ווי אַזוי דער בראַצלאַווער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל

(באַלאַדע)

אַז רבי נחמן האָט דערשפּירט אין זיין גאַנג,
נישט צו די פעלדער ער גייט מער אַרויס,
דאָס מינדסטע גרעזל צו באַוואונדערן,
נאָר פון די מענטשן אַנטלויפט ער דאָס בלויז.

זיין נאָענטקייט צו אַ ווערמל אין גראָז,
ווייל דער מענטש געוואָרן אים אַזוי פרעמד:
ס'שווידערט אים שוין אַ וואָרט אַרויסריידן,
ווען דעם קלאַנג פון רייד זיי'רע ער פאַרנעמט.

צו זיין אייגענעם ווייב און קינד צומאָל
זיין בליק נאָך ליכטיק אויפהייבן ער זאָל — — —
איז ער געבליבן שטיין אין מיטן גאַנג,
און זיך צעיאָמערט הויך אויפן קול:

„מיין זיידע אַרומגענומען אַ מענטש,
מיף איינגעאָטעמט אין זיך האָט ער גאָט:
הייליקע ערד איז אומעטום געווען,
ווו געטרעטן עס האָט זיין שטילער טראָט.

„ליכטיק געוואָרן דאָס פינסטערסטע האַרץ,
אויפגעהויבן ער האָט זיין טיפן בליק — —“
איז רבי נחמן נישט צום פעלד דערגאַנגען
און נישט אַהיימגעקומען מער צוריק.

איבער זיין געוויין ווי איבער אַ ים,
זיין פּאַטשיילע פאַרשפּרייט — אַ פעסטע בריק!
און ווי זיין זיידע אָנגעקומען ר'איז,
אין ארץ ישראל אין איין אויגנבליק.

און מיט די ליפּן קושנדיק די ערד,
פון וועלכע גאָט האָט דעם מענטש געמאַכט
און זיין אָטעם אין איר אַריינגעהויכט,
האָט אַ גרויסער פרייד אין אים אויפגעלאַכט:

אָט אַז פון דער ערד דאָ דעם מענטש געפאָרעמט
וואָס איז נאָך נענטערס פון אים פאַראַן?
און געוואַקסן איז זיין ליבשאַפט צום מענטש,
אַלץ גרעסער און שטאַרקער מיט יעדן שפּאַן.

טשיק, מיט נאָך שטאַרקער צעגליטער רציחה.

די גוים האָבן בייז געלאַכט און געשפּעט פון נקמה איבערן ייד. די באַוואָפנטע וואַך־זעלנער האָבן מיט די ביקס־קאָלבעס געשטויסן דעם געבונדענעם אין רוקן און די יידן דאָרט האָבן, בלייכע פון צער און צאָרן, זיך געריסן צעפּאָכעט פון אָרט, כדי זיך אָנצונעמען פאַרן געפּייניקטן. און מען האָט אים געמוטיקט מיט אַ גוט וואָרט:

— האַלט דיך, לייבע... האָב נישט קיין מורא... שטאַרק זיך, דעם המן אויף צעפּיקעניש... געדענק אין גאָט, לייבע...

ווי פון אַן אייזערן־ענגען קלעם האָט לייבע צו זיי שווער אַ ווענד געטון דעם צעהאַקטן קאָפּ. אויף זיין האָריק געבלוטיקט פּנים האָט גערוט אַ מילדע, פרומע מנוחה, וואָס האָט קלאָר געלויכטן פון זיינע שטריינג פאַרצוואַנגטע אויגן, און אויף זיינע צעריסענע ליפּצן האָט פאַרבאָרגן געשוועבט אַ באַשיידן־פריידיקער שמייכל, ווי דענסטמאָל אום פּסח, ווען ער פלעגט צווישן עולם באַשטראַמלטע יידן אַהיימגיין פון דער שול, פונם שחרית דאַווענען, ווי אַ דעמב געשטרעקט אין דער שוואַרצער, צייגענער בעקעשע, דאָס שוואַרצע שטריימל האָפערדיק־טיף פאַררוקט אַביסל אויפן אויער, לויטן שטייגער פון די פּראָסטע לייט, דעם צונויפגעלייגטן טלית אונטערן אָרעם, זיין קרעפּקע ייִנגל ברוך׳ל אין האַרטן, נייעם אַנצוגל, מיט אַ גילדן בענדל אויפן היטל־דאַשעק און אַ גרויסן סידור אויכעט אונטערן אָרעם האָט ער געפירט ביים הענטל איבערן ליידיקן, זוניק־גלאַנציק פאַרגאָסענע מאַרק מיט די פאַרשלאָפענע ייִדישע געוועלבן און ווי אַ פאַרגאָסענעם, גרישן לייטער־וואָגן מיט איין מאָגער פערדל אין מיטן אונטערן בלאָען הימל־געצעלט פון זילבערדיק־געלעכטיקטן פרילינג־טאָג. די נשמה, גאָט־גליביק, דערהויבן און אָנגעזאַפּט מיטן הייליקן געזאַנג פון די שול־תּפילות, אויסגעצוואָגן און אויסגערוט, ווי פון אַ גאַנץ־יאָריקער שווערער האָרעוואַניע מיט די פּילע משא־זעק אויף די פּלייצעס. דאָס גרינגע געמיט, אָנגעקוועלט מיטן צעשיינטן נחת פון פאַרפּוצטן ווייב און שיין־אויפגערוימטער שטוב, פריילעך פאַרשמעקט מיט מצה, ראָזשינקע קידוש־ווייַן, און זעט און ער האָט מיט לייטזעליקן קאָפּ־שאָקל געבאָטן דענסטמאָל די לייט:

— אַ גוט יום־טוב... גוט יום־טוב, ר׳ לייבע... גוט יום־טוב...

(המשך קומט)


## „ירושלים“ פון א. נ. שטענצל

אַ בוך פון איבער 140 זייטן — לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס

**פּרייז: 7/6**

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען




# א. נ. שטענצל

## ווי אזוי דער בראצלאווער איז געפארן קיין ארץ ישראל

(באַלאַדע)

אַז רבי נחמן האָט דערשפּירט אין זיין גאַנג,
נישט צו די פעלדער ער גייט מער אַרויס,
דאָס מינדסטע גרעזל צו באַוואונדערן,
נאָר פון די מענטשן אַנטלויפט ער דאָס בלויז.

זיין נאָענטקייט צו אַ ווערמל אין גראָז,
ווייל דער מענטש געוואָרן אים אַזוי פרעמד;
ס׳שווידערט אים שוין אַ וואָרט אַרויסריידן,
ווען דעם קלאַנג פון רייד זיי׳רע ער פאַרנעמט.

צו זיין אייגענעם ווייב און קינד צומאָל
זיין בליק נאָך ליכטיק אויפהייבן ער זאָל — — —
איז ער געבליבן שטיין אין מיטן גאַנג,
און זיך צעיאָמערט הויך אויפן קול:

„מיין זיידע אַרומגענומען אַ מענטש,
טיף איינגעאָטעמט אין זיך האָט ער גאָט;
הייליקע ערד איז אומעטום געווען,
וווּ געטרעטן עס האָט זיין שטילער טראָט.

„ליכטיק געוואָרן דאָס פינסטערסטע האַרץ,
אויפגעהויבן ער האָט זיין טיפן בליק — —“
איז רבי נחמן נישט צום פעלד דערגאַנגען
און נישט אַהיימגעקומען מער צוריק.

איבער זיין געוויין ווי איבער אַ ים,
זיין פּאַטשיילע פאַרשפּרייט — אַ פעסטע בריק!
און ווי זיין זיידע אָנגעקומען ר׳איז,
אין ארץ ישראל אין איין אויגנבליק.

און מיט די ליפּן קושנדיק די ערד,
פון וועלכע גאָט האָט דעם מענטש געמאַכט
און זיין אָטעם אין איר אַריינגעהויכט,
האָט אַ גרויסער פרייד אין אים אויפגעלאַכט:

אָט אַז פון דער ערד דאָ דעם מענטש געפאָרעמט
וואָס איז נאָך נענטערס פון אים פאַראַן?
און געוואַקסן איז זיין ליבשאַפט צום מענטש,
אַלץ גרעסער און שטאַרקער מיט יעדן שפּאַן.

און נישט נאָר די שטיוול פון זיינע פיס —
געריסן פון זיך האָט ער קלייד נאָך קלייד!
און זאָל ער נאָר ביז צום כותל דערגיין,
דעם לייב אַראָפּוואַרפן דאָרט איז ער גרייט — — —

און אַנידערפאַלנדיק פאַרמאַטערט,
האָבן זיינע ליפּן געלאַכט פון שלאָף,
אין גאָטס האַנט געשפּירט פעסט האָט ער זיינע —
אַ קינד, פירט ער אים אַרום אין אין־סוף!

דעמלט האָט דער בעל שם זיך באַוויזן,
אים אַ ריס געטון פון גאָטס האַנט מיט כּוח:
„נחמנ׳קע, דו ווערסט מיר שוין ווידער ווילד,
בלאָנקעסט אין די טיפע הימלען, צו הויך!

„פאַר מיר איז גענוג געווען ביז סטאַמבול
און דער קאָפּ מיינער האָט זיך שוין געדרייט — — —
אין קליינקייט, אוירא דארץ!
נחמן שטעלסט צופיל אויף דיר — גייסט צו ווייט!

„עס וועט דאָך גאָטס אָטעם אויך נישט מער זיין,
דעם לייב פון אַלע קליפּות אויסגעשיילט — — —"
גלייך פון אַ הייל אַרויס שאַקאַלן קול,
האָט עס יאָמערלעך הילכיק אויפגעהיילט.

און ווען רבי נחמן האָט זיך אויפגעכאַפּט,
האָט ער צומאָל די פּאַטשייל נישט געהאַט,
איז ער שטיין געבליבן ווייט פון כותל,
אַ בעטלער וואָס וואַרט אויף אַ מתנת־יד.

☆ ☆ ☆

שפּעטער, אַהיים צוריק אָנגעקומען
אינמיטן שיריים, ווען ער האָט געטיילט,
דעמלט האָט ער דאָס, מיט טיפער ליבשאַפט,
די „מעשה מזיין בעטלערס" דערציילט.

און ווי פאַרן כותל יענע פּרוטות,
האָט ער צום סוף די ווערטער אָפּגעציילט:
„ווען נישט ס׳וואָלט דער זיידע, זכותו יגן,
ווי אַ מלאך פון הימל פלינק געאיילט — — —
— — — — — — — —"



# ירושלים
(צוויי סאָנעטן)

I

אויב „ירושלים" איז דאָס האַרץ פון דער וועלט,
איז עס אַ וווּנדער, אַז אַזויפיל געליטן?
אַז לאַנג נאָך די שטאָט וועט בלייבן דורכגעשניטן,
און ס׳האַרץ פון דער וועלט, חלילה — איז אָפּגעשטעלט!

אַן אָדער אויפגעריסן, די הויט איז צעקרעלט,
דאָס פאַרלוירענע בלוט מיט פרישס פלינק פאַרביטן;
אָבער, אַז איבערגעשניטן ס׳האַרץ אינמיטן,
און יעדער סימן פון לעבן שוין אָפּגעשטעלט!

אַ רגע זיך נישט אָפּצושטעלן, אַן אומרו,
ס׳גייען די בלוטן צום קלאַפּנדיקן האַרץ צו,
און לויטער גערייניקטער זיי קומען צוריק — — —

ס׳איז די כותל — אינם האַרץ יענע צווישן־וואַנט,
זיך צושליסן און צו עפענען נאָכאַנאַנד —
דער דופּק־קלאַפּנדיקער אייביקער טיק־טיק.

II

„אם אשכחך ירושלים".

ווי גרויס קאָן דאָס שוין זיין אַ מחשבה אַזאַ,
מיט מענטשלעכע חושים מען קען זי משיג זיין?
ווי טיף שוין אַ געפיל, אַז מען קען עס פאַרשטיין?
אַ אונזער צעטומלטער געשריי „שדי קרע":

אויף ליפּן פאַרביסענע, מיליאַנען, דעם „שמע",
מיט אויפגעריסענע אויגן אין טויט צוגיין!
און דאָס פאַרשכורטע צעהוליעטע געוויין
ווילד אויפצויובלען דעם „נאַשטיך־הוראַ".

אָ, פון וועלט, פון גאַנצער דאָס האַרץ איינצושטילן,
אַזאַ לויטערע פרייד צו קענען דערפילן,
אַזאַ לייד, אַזאַ ליבע ווי וועלט אַזוי גרויס — — — — — — — — — —

עס קלאַפּט מיין האַרץ אין מיר ווי אונטער אַ פּאַנצער,
אַלצדינג אַזוי קלאָר ווערט מיר אין וועלט, אין גאַנצער,
דאָס וואָרט ירושלים בלויז כ׳רעד נאָר אַרויס — — —

לעאָ קעניג

# בערנאַרד מעניִנסקי

ווען ניט דער „ניט ענגליש“ קלינגענדיקער נאָמען, און ווען מען ווייסט ניט, צופעליק אָדער ניט צופעליק, אַז ער איז געווען אַ ייִד, וואָלט מען שטייענדיק פאַר מעניִנסקיס מאָלערייען און צייכנונגען געהאַט דעם איינדרוק אַז מען זעט פאַר זיך די אַרבעטן פון אַ עכטן, טעמפּעראַמענטאַל־ענגלישן מאָלער.

דאָס הייסט, אויב מען קען בכלל גענעראַליזירן וועגן „נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיקס“ און מען קען די גאַנגבאַרע גענעראַליזאַציעס אָננעמען.

ס׳איז אָנגענומען אַז אַ געוויסע איינגעהאַלטנקייט איז אין ענגלישן כאַראַקטער, אַז דער ענגלענדער האָט גיכער ליב אונטערשאַצן, זאָגן שטילער, איינגעהאַלטענער און איבערגעלייגטער, וואָס די אַנדערע נאַציאָנאַלע טעמפּעראַמענטן, וואָלטן געזאָגט פיל שטאַרקער און שאַרפער.

צו דאָס איז מחמת זיין עמפּיריציזם און זיין אינערליכן שטאָלץ, וואָס זאָגט אים אונטער אַז אַפילו אַן אמת ווערט ניט אמתדיק, ווען ער ווערט צו הויך און שאַרף אַרויסגעזאָגט.. צו ס׳איז צוליב דעם ענגלישן קלימאַט ווו די זון שיינט אויך דורך אַ לייכטן נעפּל, נור ס׳איז שוין בדרך כלל אָנגענומען אַז דער ענגלישער קינסטלער איז ס׳רוב שטילער און געלאַסענער אין קאָלאָריט און ליניע ווי די קאָנטינענטאַלע קינסטלער. (אפשר דערפאַר אויך, ווי צוליב זיין אינסולאַרן כאַראַקטער, איז די וואַסער־פאַרב אַזוי פּאָפּולער אין ענגלאַנד).

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳זיינען פאַראַן אויסנאַמען צווישן ענגלישע קינסטלער און דיכטער, נאָר אויב די אָנגענומענע סברות וועגן ענגלישן כאַראַקטער זיינען ריכטיקע, קען מען זאָגן, גלויב איך, אַז דער ערשט פאַרשטאָרבענער מאָלער בערנאַרד מעניִנסקי איז געווען אַ עכטער ענגלישער קינסטלער.

אין מעניִנסקי׳ס בילדער און צייכנונגען, דאַכט זיך מיר, קען מען זען אַט די ענגלישע נייגונג צו „אַנדערסטייטמענט“ ניט איבערשאַצן און פאַרגוואַלדעווען דאָס געזעענע, — אין קאָלאָריט און צייכנונג — נור פאַרקערט: זאָגן עס, ווייזן עס נאָך שטילער און וואָכנדיקער. אויך מעניִנסקי האָט געהאַט אַ באַזונדער ליבע צום וואַסער־פאַרב.

*   *   *

דערפאַר האָט מיך אַביסל איבעראַשט ווען איך האָב געזען דווקא מעניִנסקין באַצייכנט אין דער „טיימס“ אַלס אַ „ייִדישער מאָלער“.

דער כוח פון אַ ייִדיש קלינגענדיקן נאָמען — בערנאַרד מעניִנסקי — האָט זיך ניט ווילנדיק אַ טראַכט געטון, אָדער אפשר דער כוח פון דער אַלץ נאָך הערשנדער „מאָדע“ צו זוכן דאָס נאַציאָנאַלע אַפילו דאָרט ווו מען קען עס מיט ליכט ניט געפינען.

איך בין ניט זיכער צי מען קען, נאָמיר זאָגן, אַ עפּשטיין באַצייכנען אַלס אַ „ייִדישן סקולפּטאָר“, צי אַ גערטלערן אָדער אַ באָמבערג אַלס „ייִדישער מאָלער“ פונקט ווי ס׳איז שווער און פּראָבלעמאַטיש צו באַצייכנען (מער ווי ביאָגראַפיש) אַ פּיסאַראָ, ליבערמאַן אָדער אַ מאָדליאַני אַלס ייִדישע מאָלער.

דער ייִדישער ביישטייער צו די פּלאַסטישע קונסטן איז נאָך גאָר יונג, האָט נאָך קיין טראַדיציע און שולע ניט, און די אַלע דערמאָנטע און ניט דערמאָנטע באַרימטע ייִדישע קינסטלער געהערן אַלס קינסטלער צו די אייראָפּייִשע שולן, ריכטונגען און קלימאַטן, ווו זיי האָבן געלעבט און געשאַפן. אָבער איך מוז צוגעבן דאָס ווען איך זע, למשל, אַ יעקב עפּשטיין צי אַ באָמבערג באַצייכנט אַלס „ייִדישער פּלאַסטיקער“ וואָלט עס, ווי אָפּגעצויגן עס זאָל ניט זיין, מיך דאָך ניט איבעראַשט.

ווייל אויב מיר ווייסן נאָך ניט מיט וואָס די לעצטע קינסטלער זיינען ייִדיש אַלס קינסטלער, האָט אָבער אַ עפּשטיין ניט די מעלות־חסרונות, וואָס מען שרייבט געוויינליך צו דעם ענגלישן כאַראַקטער. עס קאָן זיין אַז ס׳איז צוליב זיין אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט, אָבער אויף אַ ענגלישער אויסשטעלונג וועט ער דאָך ווירקן „אַנדערש“ — ניט ענגליש.

אָבער מעניִנסקי?

אין מעניִנסקין איז גאָרניט געווען „עקזאָטישעס“ אָדער „פרעמדעס“, ווי מען איז עס היינט געוווינט צו רופן, און אויף אַ ענגלישער קונסט אויסשטעלונג — אין דער „לאָנדאָן גרופּ“ — איז ער געווען אין גאַנצן אין דער היים.

ניט ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין פּערזענליכעס אַלס קינסטלער — מען האָט אַ מעניִנסקי לייכט געקענט דערקענען אויף אַ ענגלישער קונסט אויסשטעלונג, — אָבער זיין פּערזענליכעס איז געווען שטיל געלאַסן און שטיל דיסקרעט אַרויסגעלויכטן.

*   *   *

מען וואָלט געקענט, גלויב איך, ווען ס׳איז נייטיק, אין מעניִנסקין זען אַ מוסטער פון אַ ייִדישן קינסטלער וואָס האָט זיך פיין, דיסקרעט און נאַטירלעך אַקלימאַטיזירט אין דער ענגלישער קונסט און קולטור און איז געוואָרן, ווי געזאָגט אַ עכטער ענגלישער קינסטלער, אויף וויפיל אַזאַ זאַך קען זיך איבערהויפּט דעפינירן. איך האָב געזאָגט, „מען וואָלט געקענט ווען ס׳איז נייטיק“ און ס׳איז אפשר ניט ווייניקער נייטיק און ניט מער איבעריק ווי דווקא זוכן מיט גוואַלד דאָס ייִדישע ביי די פאַרשידענע באַדייטנדע קינסטלער פון פאַרמיט גוואַלד... 

שיידענע לענדער און שולעס. פון פאַרשידענער גרויס און באַדייט אַלס קינסטלער, אָבער מעניִנסקי איז ענגליש פּונקט ווי פּיסאַראָ איז פראַנצויזיש: קיינעם וועט ניט איינפאַלן צו זוכן דאָס ייִדישע אין די סאָלידע, שטילע און ערנטליכע צייכנונגען און לאַנדשאַפטן פון דעם ענגלישן מאָלער מעניִנסקי. פון פאַרשידענער גרויס און באַדייט פאַר דער קונסט בכלל און פאַר דער קונסט פון זייערע לענדער, אָבער טעמפּעראַמענטאַל זיינען זיי אפשר געווען קרוביש און לויט זייערע כוחות און פעאיקייטן איבערגעגעבן געווען צו זייער אַרבעט, צו זייער קונסט...

וואָס איך וויל זאָגן איז אַז מיר ווי אַלע פעלקער האָבן קינסטלער פון

פארשידענע אינדיווידועלע טעמפעראמענטן: געלאסענע און שטורמישע; אזעלכע וואָס רייסן זיך אַרויס און ווירקן „אנדערש", „פרעמד" און עקזאָטיש אויף יעדער קונסט אויסשטעלונג און וואָס מען קען צוליב פארשידענע מאָטיוון, ווען עס לוינט זיך, גריבלען זיך איבער זייער „יידישקייט"; און אזעלכע, ניט ווייניקער „אָריגינעלע" וואָס ווערן צוליב זייער געמיט און אופן זען און מאלן גיכער אויפגענומען, אַדאַפּטירט ווי אייגענע — רופט עס מיט דעם מיסברוכטן וואָרט „אַסימילירט".

* * *

געבוירן אין רוסלאנד (אין 1881) און געלערנט קונסט אין ליווערפול, דערנאָך איז ער אַוועק אויף אַ צייט קיין פאריז שטודירן און זיך צוריקגעקערט קיין ענגלאנד וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס שילער אין דער „סלייד סקול". אין 1919 האָט ער געהאט זיין ערשטע אויסשטעלונג אין דער גופיל געלערי, וועלכע האָט געמאכט אַ סימפּאַטישן איינדרוק. מענינסקי באַלאנגט צו דער פּלעיאַדע ענגליש־יידישע קינסטלער וועלכע איז אויפגעקומען אין דעם ערשטן יאָרצענדליק פונם איצטיקן יאָרהונדערט — יעקב עפּשטיין, גערטלער, באמבערג, קראמער און מענינסקי. אויך מענינסקי איז בשעתו געווען מאָדערן, ווי אלע ענגלישע קינסטלער פון יענער צייט. אָבער ער איז געווען דער שטילסטער און געלאסנסטער אין יענער „שטורם און דראנג" עפּאָכע אין דער קונסט וועלכע האָט זיך פון פאריז איבערגעטראָגן קיין ענגלאנד. ס'איז געווען די צייט ווען פוטוריזם, קוביזם, פאוויזם און „וואָרטיציזם" אין ענגלאנד זיינען געווען דאָס „לעצטע וואָרט" אָבער די עקסטרעמיסטישע ריכטונגען האָבן מענינסקין ווייזט אויס, ניט צוגעצויגן. ווייטער ווי אַ סעזאַן איינפלוס איז ער ניט געגאנגען. ער איז געווען דער שטילסטער און געלאסנסטער פון דער חבריה ענגליש־יידישע קינסטלער. ער איז געווען נאטירליך פאראינטערעסירט אין אלע מאָדערנע גרופּירונגען און קונסט שולעס. אָבער ליידנשאפטליך האָט ער זיך אפנים קיינער ניט געקענט איבערגעבן. פאסיוו, געדענק איך, איז אויך געווען זיין אינטערעס צו דער פראגע „יידיש קונסט און קינסטלער" מיט וועלכער עס האָט זיך אויך באשעפטיקט דער יידישער זשורנאַל „רענעסאנס" (וועלכער האָט רעפּראָדוצירט זיינע „מוטער און קינד" צייכנונגען); אָבער ווי ווייט איך ווייס איז זיין איינציקער ביישטייער אויף דעם געביט „יידישע קונסט" געווען זיינע סימפּאַטישע דעקאָראַציעס צו בערי'ס שוישפּיל „דוד" (אין וועלכער בערגנער איז אויפגעטראָטן) און דאכט זיך, אויך אנטוואורפן צו דעקאָראַציעס פאר אַ יידישן באלעט.

אָבער ער איז אפשר ניט אינגאנצן און אַליין שולדיק פאר דער פּאַסיוויטעט: פיל מער שולדיק איז אונזער געזעלשאפטליכקייט, וועלכע האָט אַזאַ פרימיטיוון באגריף וועגן קולטור ארבעט און האָט ממילא ניט פארשטאנען ווי אַזוי צוציען און „אויסנוצן" אונזערע בעסערע קינסטלער.

אַ שטילער מענטש און קינסטלער איז געווען בערנארד מענינסקי; ער האָט ליב געהאט צייכן און מאלן און ער האָט געטון זיין ארבעט בשלמות לויט



זיינע פעאיקייטן. ניט אומזיסט איז ער געוואָרן איינער פון די באליבטסטע לערער אין די ענגלישע קונסט שולעס.

ער איז פארטראָטן מיט אַן אויל בילד אין דער טייט געלערי און אין אנדערע ענגלישע קונסט מוזעאומס און גאַלעריעס. זיינס אַ צייכנונג איז געווען אויף דער אויסשטעלונג „בריטישע קונסט פון וויסטלערן אַן" אין דער נאַציאָנאַלער גאַלעריע.

און אין יעדער געשיכטע פון דער מאָדערנער ענגלישער קונסט וועט מענינסקי האָבן זיין שטילע, באַשיידענע דערמאָנונג. און דאָס איז אַזוי פיל.

---

## יוסף הלל לעווי

## ס. פאלמע—צו זיין 60־יאָריקן יובל און 35 יאָריקן שאפן

אין מעזעריטש (שעדליצער גובערניע) איז אינם יאָר 1890 געבוירן געוואָרן ביי בעל־הבית'ישע עלטערן ס. פאלמע (בערל סאַווינסקע).

ביז צו זיין בר־מצוה איז ער געגאנגען אין חדר און פון דעם דאָזיקן טאָג אָן, — ווי זיין פאָטער ר' ברוך האָט צו אים געזאָגט: „ברוך שפטרני" — דאָס מיינט פון היינט אָן זיינען די מצוות און עברות אויף דיין קאָפּ, איז ס. פאלמע זעלבסשטענדיק געוואָרן, און אָנגעהויבן אויף זיך אַליין צו זאָרגן...

איינמאָל אין אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס. נאָכן עסן — דאָס חדרל איז געווען זויבער אַרומגערוימט לכבוד שבת, און אלעס איז שוין געשלאָפן, האָט זיך דאָס בר־מצוה ייִנגל אַרומגעזעצן אין אַ פארבאָרגן ווינקל, און דאָרטן מיט קרייד אָנגעשריבן זיין ערשט ליד, מיט דער כוונה גאַנץ פרי אויפצושטיין, און עס אויף ריין איבערצושרייבן, וואָס ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו טון, מחמת ער איז פארשלאָפן...

דערפאר איז אים אָבער דער שכר נישט אויסגעבליבן, — וואָס איז באַשטאַנען אין די בכבודע פעטש, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט פון זיין פאָטער ע"ה.

זייט דעמאָלט אָן איז ס. פאלמע פון דער היים אַנטלאָפן און אָנגעפאנגען צו גלותן. זיך געשלעפּט פון מעזעריטש קיין ווארשע, (און ביז היינט נאָך נישט אויפגעהערט צו גלויבן אַז דאָס איז זיין בעסט ליד געווען). געקומען אין ווארשע האָט ער זיך אָנגעהויבן לערנען ביי זיינס אַ ברודער צו ארבעטן דאַמענטאַשן.

אָפּגעאַרבעט אַ צייט, איז ער געקומען אין בארירונג מיט בונדיסטישע קרייזן און דערפאר געזעסן אין דער „ציטאַדעל", דאַן ווידער צו ארבעטן אָנגעהויבן. נאָר די ארבעט האָט אים נישט באַפרידיקט. ביז ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ טעאַטערישן מאלער, וואָס האָט צופעליק וויז־אַ־וויז פון זיין ברודער געוואוינט. אים אויסגעהאָלפן אין פארשיידענע שטוב־זאַכן. דערנאָך זיך צו אים אינגאנצן אַריינגעצויגן, און דערפאר האָט אים דער טעאַטערישער



„אינערלעך ליכט" (בילד) ס. פאלמע

מאלער געלערנט מאלעריי. אפגעווען ביי דעם מאלער ביז ער איז געקומען קיין ענגלאנד אינם יאר 1910; ביי טאג געארבעט ביי א שניידער, כדי זיך צו קענען מפרנס זיין. נאך דער ארבעט פארגעזעצט זיין מאלער שטודיע אין א נאכט־שולע וועלכע א רייכע מעצענאטין האט פינאנסירט.

אין 1912 האט ס. פאלמע דעביוטירט: אין „יידישן זשורנאל" (לאנדאן) אין 1915 האט ער אנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין דעם חודש־זשורנאל „יונגט־שטראלן". אין אנהייב פון 1918 האט ער אלין איבערגעלאזן און אפגעפארן קיין רוסלאנד. און דארטן ווידער פארגעזעצט זיין ליטעראריש־קינסטלערישע טעטיקייט, און אויך אבסאלווירט א פעדאגאגישן קורס און זיך פארפאלקאמט אלס א „פרעבעליסט".

זייענדיק א לערער אין א יידישער פרעבעל־שולע האט ער געלערנט מיט די קינדער: טאנצן, זינגען, צייכענען, מאלן, מאדולירן, רעציטירן און אלגעמיי־נע דערציאונג.

און טאקע דארטן צווישן די יתומים־קינדער — האט ער געשאפן דאס פאנטאסטישע קינדערשפיל: „די קינדער פון מארגן" וואס ער האט מיט זיי אויך איינשטודירט. דאס דאזיקע ליד איז באלד דערנאך געדרוקט און באַ־קאנט געווארן דורך די קינדער. אויף דער גארער וועלט. אבער דער מחבר דערפון איז אומבאקאנט געווען. און עס איז א צייט לאנג געבליבן אז א



מחבר — אזוי ווי די קינדער אן עלטערן מיט וועלכע ער האט געלערנט. ביז דער אומפארגעסלעכער אידעאליסטישער פעדאגאג און שרייבער־דיכטער שלמה באסטאמסקי (דערהרג'עט געווארן אין ווילנער געטא), וואס האט רעדאקטירט די קינדער זשורנאלן: „גרינינקע ביימעלעך" און דעם „חבר". האט דאס ליד אריינגענומען אין א כרעסטאמאטיע פארן ב־טן און ג־טן לערן־יאר וואס איז דערשינען אין ווילנע אין 32־סטן יאר.

אין מיטן פון 1922 איז ס. פאלמע צוריקגעקומען אין לאנדאן און ווידער אויפגענומען געווארן פון דער פריערדיקער מעצענאטין וועלכע האט אים געגעבן די מעגלעכקייט און פארהאלפן צוצוגרייטן זיך צו דער ערשטער אויסשטעלונג וואס דער היגער „בן אורי פאריין" האט פאר אים ארגאניזירט אינם יאר 1927.



„פארוויסטע ערד" (סקולפטור) ס. פאלמע

געדרוקט האָט זיך פּאַלמע אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און זשורנאַלן: „יידישער זשורנאַל" (טאָראָנטאָ), אין דער „פעדער" (ניו יאָרק), „פרייע אַרבעטער שטימע" (ניו יאָרק), „אַרבעטער פריינט", „די פּאָסט", „פאַמיליען־פריינט", „די צייט", און אין „לשון און לעבן" (לאָנדאָן).

דערווייל — איז נישט די צייט, און אויך נישט דער דיכטער פּאַלמע שטיין געבליבן.

דייטשע מערדער האָבן הרוב געמאַכט גאַנצע יידישע ישובים מיט דורות איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס און יידיש־שטייגער לעבן. זעקס מיליאָנען יידן — די שדרה פונם יידנטום איז אונטערגעזעגט געוואָרן.

און אין אָט דעם דאָזיקן ים פון בלוט, טרערן, פייער, רויב און מאָרד, — די געוואַלטיקע שמחה; די אויפטרייסלנדיקע נשמה־גליקלעכקייט! אַ צוויי טויזנט יאָריקער חלום פון אַ פאָלק אַ הפקרדיקס, אַ נע ונדס, אַ פון יעדן גע־פייניקטס, איז מקוים געוואָרן! און די פאַלשע קריסטלעכע „אהאסווער־לע־גענדע" איז ווי אַ זייפנבלאָז געפּלאַצט, דאָס אייביקע יידישע פאָלק האָט ווידער זיין זעלבסטשטענדיקייט געווינען, אין זיין פון ליבע אויסגעפּיבערטן לאַנד ארץ ישראל, וואָס עס האָט קיינמאָל נישט געוואָלט, און נישט געקאָנט אויפ־געבן אַפילו אין דער ביטערסטער נויט!

און עס איז קלאָר, אַז די דעראייגענישן האָבן געמוזט טיף משפיע זיין אויף דעם דיכטערס געמיט, ער האָט זיי נישט געקאָנט גלייכגילטיק פאַרביי גיין...

און אַזוי ווי ער איז פון תמיד אָן שטאַרק פאַרבונדן געווען מיט זיין פאָלק, איז ער אויך ביז אויפן היינטיקן טאָג פאַרבליבן זיין געטרייער טרובאַדור. אין פּאַלמעס פריערדיק דערשינענע לידער־ביכער: „פאַרוויסטע ערד", „רינ־גען און קייטן", און אין זיין לעצטע ביכל: „גלאָקן אין מדבר", האָט ער געפּרוּווט צו באַזינגען און סימבאָליזירן — דאָס גאַנצע רשעות פון דער בעסטיע אין מענטש.א אַנטקעגן דעם הילפלאָזן מענטשן...

גערופן און געפאָדערט נאָך גערעכטיקייט, און מיט טיפער פאַראַכטונג און צאָרן אָראָפּגעריסן די כלומרשט ציוויליזירטע מאַסקע פונם אַלטן פּראַ־אָדם; (אַ סך מאָל אין אַ פּאָעטישער פּראָזע, — און אין פּראָזאַאישע פּאָעזיע) אָבער תמיד ערלעך זענען זיינע געפילן געווען אין זיינע סאָציאַלע און נאַ־ציאָנאַלע לידער ווו ער רופט צום קאַמף פאַרן יידישן לאַנד.

נאָר פּונקט אַזוי ווי ער איז פריער געווען צוקאַכט פאַרן סאָציאַליזם,— האָט זיין פּאַטאָס איצט אויפגעגליט פאַרן נאַציאָנאַליזמוס...

און אין איניקע לידער (איך ווייס נישט צי מיט, צי אָן אַ כוונה) שוין כמעט גלאָריפיצירט דעם „שווערט", וואָס האָט שוין אַזוי פיל אומגליק, נויט און פאַרצווייפלונג צו די מענטשן געבראַכט! פאַרגעסנדיק אַז דעם יידישן נביאס העכסטער טרוים איז תמיד געווען אַז דער שווערט זאָל צום אַקעראייזן פאַרוואַנדלט ווערן... ווייל דער שווערט איז געווען און וועט פאַרבלייבן די גרעסטע קללה און געפאַר פאַר אַלע מענטשן, און באַזונדערס פון די קלענערע



און שוואַכערע פעלקער... און אייביק זיי פאַרהעצן און איינרעדן: אַז געזעץ איז נאָר דאָס וואָס ער, זיין מאַיעסטעט דער „שווערט" און זיינע באַזיצער פריידיקן, און ס'ווערט אָפּגעהיט מיט זיין שאַרף... אָט דאָס איז די גאַראַנטיע פאַר זיכערקייט און שלום... און נאָך מער — אייביק וועט ער אָפּנאַרן דעם מענטשן און איינרעדן אים אַז „מאַכט איז רעכט"...

דער בעסטער באַווייז דערפאַר איז דאָס שוין פון יאָר הונדערטער צע־פּליקטע און נישט צו בלוטן אויפהערנדיקע אייראָפּע...

און אַזוי לאַנג ווי דער פאַרשאָלטענער שווערט, — און נישט די מענטש־לעכע פאַרשטענדיקונג און ליבע, — וועט איבער דעם מענטשן רעגירן, וועט ווייטער געשפּונגען ווערן דער פאַלשער בלוטיקער „מיטאָס פון העלדנטום" וואָס האָבן שוין אַזוי פיל אומשולדיקע מיליאָנען פון מענטשן־לעבנס פאַרשלונגען.

און ווער עס גלויבט אָן סאָציאַליזם און אָן התחייבות און ווערט פון יעדן יחיד, אָן וועלכן עס איז נישטאָ קיין רבים, — דער מוז אויפהערן צו גלויבן אין שווערט וועלכער איז ביז היינט נישט געווען ביכולת און וועט אויך קיינ־מאָל נישט ביכולת זיין קיין שום פאָלק פון אונטערגאַנג צו באַשיצן, אַדער אים צו פאַרזיכערן פאַר אַ שטאַרקערן פאָלקס איבערפאַל...

און ווייַ איז צו דעם פאָלק, — וועלכנס זיכערקייט עס באַזירט אויפן שאַרף פון שווערט... סיידן נאָר „הבא להרגך השכם יהרגו!"

מיר יידן גלויבן באמונה שלימה מיט דעם יידישן נביא: „אַז אומקומען וועט דאָס רשעות פון אונמענטש מיט זיין שווערט; און אויפגיין וועט די ליבע אין מענטשן מיטן אייביקן גליקלעכן שלום.

אין אַלע לידער ביכער וואָס ס. פּאַלמע האָט ביז איצט פּובליקירט, ריזלט די טיפע בענקעניש און ליבע פון שאַפער צום מענטש, פון מענטש צו דער נאַ־טור; וועלכע פאַרמאָגט אַזויפיל שפע און גליק פאַר אַלע מענטשן קינדער מיט וועלכער זיי וואָלטן געקאָנט לעבן אין פרייקייט און ליבע, נאָר זיי פאַר־סמ'ען זיך, אַ דאַנק זייערע בלינדער שנאה, אַליין דאָס שיינע גליקליכע פרייע לעבן....

איך בין אויך זיכער אַז דער יובילאַר ס. פּאַלמע גלויבט אין דעם, דער בעסטער באַווייז דערפאַר איז טאַקע זיין פאַנטאַזיע: „די קינדער פון מאָרגן", וועלכע סימבאָליזירן דעם אונטערגאַנג פון פינסטערניש, און אויפגאַנג פון ליכט; דעם אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם און אויפגאַנג פון אמתן סאָציאַליזם אין וועלכן אַלע פעלקער און אַלע מענטשן וועלן קענען לעבן, — יעדער אין זיין לאַנד זיין אייגנאַרטיקן לעבן אין פרייהייט, גליק און אין שלום.

מיט דער דאָזיקער טיפער אמונה באַגריס איך ס. פּאַלמע דעם דיכטער. קאַמפּאַניסט און מאַלער צו זיין 60 יאָריקן יובילייַ און ווינטש אים נאָך אַ סך גליקלעכע שעפערישע יאָרן.

---

דר. יעקב י. מייטליס

# נייע זשורנאלן

(אן איבערבליק)

אויף מיין ביכער־טיש האבן זיך פאר דער לעצטער צייט אנגעזאמעלט אַ היפש ביסל אינטערעסאנטע, נייע זשורנאלן אויף יידיש. ברענגען זיי אַ לעבעדיקן געריס פון די היינט צוויי גרעסטע און וויכטיקסטע יידישע צענטרען, פון א״י און אמעריקע. זיינען דאס אויפמונטערנדיקע גערוסן, וואָס זאגן אונדז אָן אז לא אלמן ישראל. אז עס שלאגן נאך גאר טיפע קוואלן פון דעם יידיש־באָדן, וואָס פאלשע נביאים האבן שוין לאנג פאראורטיילט צום אונטערגאנג. זיינען דאס פרישע, צאפלדיקע גערוסן פון דעם נייעם, זיך אויפבויענדיקן צענטער פון מדינת ישראל, וו מ׳פארפאלגט נישט יידיש, ווי א סך געגנער טענהן. נאר מען פלעגט די שפראך און שאפט אין איר נישט ערגער ווי אין אנדערע יידישע צענטרען, אויב נישט נאך בעסער. קומט דער אנדערער גערוס פון אמעריקא, וו די אנשטרענגונגען אויפן געביט פון דער יידישער קולטור פאר די לעצטע עטלעכע יאר פארדינען אַ סך אנערקענונג און דערמוטיקונג. פארדינען אזעלכע זשורנאלן, אז מען זאל זיך אויף זיי אפשטעלן באריכות. פעלט אבער איצט דער פלאץ דערצו. מוז איך מיך דערפאר מצמצם זיין און גיבן דערווייל א קורצן איבערבליק. אפשר וועט נאך אויסקומען וועגן זיי צו רעדן מער באריכות.

קומט די פערטל־יארשריפט „די גאלדענע קייט״ (אונטער דער רעדאקציע פון אברהם סוצקעווער און אברהם לעווינסאן) און וויל אויספילן נישט נאר אַ שפראכלעכן נאר קודם כל א ליטעראַרישן בלויז. האט זי דערצו א וויכטיקע שליחות. וויל זי זיין א פארבינדונג צווישן א״י און גלות, צווישן די שאפערישע כוחות און ישראל און דעם וועלט־פאלק, איבערגעבן אין ווארט און קונסט דאס שטורעמדיק נייע, וואָס האלט זיך אין אויספורעמען, דעם גייסט פון חלוציות און קאמף, פון אויפבוי און באנייאונג. וויל אויך „די גאלדענע קייט״ פארבינדן די רייכע קולטור־און ליטעראטור־אוצרות פון נעכטן מיט דער קעמפעריש־דינאמישער א״י־ווירקלעכקייט פון היינט און פון דאנען אריבערוואַרפן גייסטיקע בריקן צו דעם יידישן פאלק איבער גאר דער וועלט. עס איז א וויכטיק רינגל אין דער לאנגער, המשכ׳דיקער קייט, וואָס ציט זיך מיט איר גרויסער, וואגיקער ירושה איבער ווייטע דורות ביז צום היינטיקן טאג.

איז טאקע „די גאלדענע קייט״ אנגעפיקעוועט מיט אלעם גוטן. פארמאגט זי זייער א רייכן און אינטערעסאנטן ליטעראַרישן און קינסטלערישן מאטעריאל. אָטעמט זי מיט אַ שטיק קאָכעדיקער, לעבעדיקער יידישער ווירקלעכקייט, פרובט זי פאַרפיקסירן אין לידער, ארטיקלען און דאקומענטאציעס דעם גייסט פון דעם גרויסן היסטארישן שנוי ערכין, וואָס קומט פאָר פאַר אונדזערע אויגן. לייענען מיר „בריוו פון געפאלענע״ (העפט 3), וואָס רירן מיט זייער



TOWER HAMLETS LIBRARIES

פשטות און טיפער מענטשליכקייט. אָט געפינען מיר ווידער „קאפיטלען פון דער יידישער מלחמה״ (העפט 4) לעבעדיקע שטיקער עפיק, וואָס פארכאפן דעם אטעם מיט זייער עכטקייט און נישט־געקינצלטקייט. אינטערעסירן אַ ריי סאציאלאגישע עסייען ווי למשל בנארי׳ס „קבוצישע באוועגונג אין ארץ ישראל״, מאניע שוחט׳ס „די פרוי אין השומר״ און י. ישעיהו׳ס „די תימנער יידן״ (העפט 3). ליטעראר־היסטאריש וויכטיק זיינען די „יידישע אגדות״, פון ביאליק און ראווניצקין, אַ טייל פון דעם אויף יידיש איבערזעצטן „ספר האגדה״. (העפט 3).

אַ בלעטל פון יהואש׳ס ליטעראַרישער ירושה איז פארעפנטלעכט אין העפט 4. דארט דערשיינט אויך אַ גרעסערע דערציילונג פון שלום אַשן „משה גייט ארויס צו זיינע ברידער״, מיט אלע מעלות פון א גוטן, היסטארישן עסיי (אלס דערציילונג ווייניק איבערצייגנדיק). נ. מ. געלבער איז פארטראטן מיט אן ארטיקל, וואָס באהאנדלט די „פלענער פון אינטערנאציאנאליזירן ירושלים״ פון אַ היסטארישן פערספעקטיוו. קארל שווארץ גיט אַן אָפּצאַשונג פון דער „מאלעריי אין ארץ ישראל״ און רחל אויערבאך קומט אריין מיט אַן אינטערעסאנטער סטודיע „געשטאלטן פון דער יידישער אומקום־דראמע״. מיט א פאר שטארקע, פארביקע לידער איז פארטרעטן אברהם סוצקעווער „לידער פון נגב״ און אהרן צייטלין מיט זיינע טיף באוועגטע לידער „פון צייט און אויסער צייט״.

אודאי איז דאס נישט אלץ! מיט דער קורצער רשימה האבן מיר זיכער נישט געקענט אויסשעפן אלץ, וואָס אט די שיין און מיט א סך ליטעראַרישן געשמאק ביז איצט ארויסגעגעבענע פיר העפטן אנטהאלטן. עס איז א מין כנוס פון דער גייסטיקער, לעבעדיקער שאפונג אין יידיש, א מין צו תחית־המתים אויפגעשטאנענער „השלוח״, וואָס פליסט דערווייל געלאסן און פאמעלעך, אָן גערויש און געפילדער. אבער וואָס איז עתיד אויפצודריקן זיין חותם אויף די פורעמונג פון געדאנק און די געשטאלטונג פון יידישן וואָרט.

אַ באַגריסנדיקן אָנהויב אויפן געביט פון ערנסטן יידישן זשורנאליזם אין א״י האט אויך איצט געמאכט דער איחוד־עולמי פועלי ציון־התאחדות מיט דער נייער צייטשריפט „ישראל״, וואָס גייט ארויס אין תל־אביב אונטער דער רעדאקציע פון מלך ניישטאדט. דער זשורנאל איז געווידמעט די פראגן פון אויפבוי און ארבעט, פון פאליטיק און קולטור אין ישראל. ער באהאנדעלט אויך מיט אַ סך ערנצט און פאכמענישקייט אַ ריי סאציאלע, עקאנאמישע און אלגעמיינע פראבלעמען סיי אין דער מדינה און סיי אין דער באוועגונג אלס אזעלכער.

ביז איצט זיינען דערשינען 4 חודש־העפטן מיט א רייכן, אינטערעסאנטן מאטעריאל.

עס איז אריבער א יאָר זינט דער אלוועלטלעכער יידישער קולטור קאנגרעס איז זיך צונויפגעקומען אין ניו־יארק. האבן יידישע שרייבער אין קול־

טור־טוער פארלייגט דערויף א סך מי און ארבעט און הויבן זיך איצט שוין אן צו באווייזן קליינע, באשיידענע אבער געלונגענע אנהייבן פון אן ארגאניזירטער און קאארדינירטער קולטור־טעטיקייט, לכל הפחות אין ניו־יארק גופא. זיינען די ארבעט־געביטן פון קולטור קאנגרעס פארשיידן און פילפאכיק. אויפן געביט פון דער יידישער דערציונג ווערן געמאכט ערנצטע פרובן פון שאפן אן איינהייטלעכן שול־סיסטעם און קאארדינירן די דערציונג־ארבעט. די אנהייבן זיינען דערמוטיגנדיקע. איז ביים קולטור קאנגרעס געשאפן געווארן א וועלט־צענטראלע פאר דער יידישער שול, וואס האט אנגעהויבן פובליקירן א פערטל־יארשריפט „בלעטער פאר יידישער דערציונג". דער דאזיקער זשורנאל איז פיין רעדיגירט און די ביז איצט דערשיינטע צוויי נומערן באהאנדלען א ריי אינטערעסאנטע פראבלעמען און טעמעס פון דער יידישער שול, למ״דים, יוגנט, שפראך, ליטעראטור מיט א סך גרינדלעכקייט און פאכמענישער באהאווענטקייט. זאגט דער זשורנאל צו צו ווערן א וועג־ווייזער און א באראטער פון שול־עסקנים, פעדאגאגן און סתם אינטעליגענטע לייענער, וואס זיינען בלוטיק פאראינטערעסירט אין די פראבלעמען פון דער יידישער דערציונג. האפן מיר, אז ער וועט דערפילן זיין וויכטיקע שליחות. מיר ווּנטשן זיין אנטוויקלונג פאר פאלגן מיט א סך סימפאטישער אויפמערקזאמקייט און מיט א גרויסער מאס פון גוטן ווילן.

---

ש. ערנסט

## אברהם יערי — 50 יאהר אלט

א גרופע פריינט פון אברהם יערי האבן לעצטנס ארויסגעגעבן אין העברעאיש א בוך מיטן נאמען „חיבורי אברהם יערי" און דא ווייזט זיך ארויס די פארצווייגטע וויסנשאפטליכע טעטיקייט פון יובילאר, וואס זיינע ביכער זיינען א קוואל פון וויסן פאר יעדן ערנסטן לעזער, וואס האט אינטערעס פאר דער געשיכטע פון יידישן בוך.

אברהם יערי איז פון די אינטערעסאנטסטע פערזענליכקייטן אין דער ליטעראַרישער סביבה אין ירושלים. ער איז פרוכטבאר מיט זיין פען. זיין שטריך איז רחבות. ער איז נישט פארטאן נאר אויף זיין געביט, נאר ער בארייכערט די נייע העברעאישע ליטעראטור מיט נייע ביכער אויף די פארשיידנסטע געביטן.

פאראן אבער איין געביט וואס אין דאזיקן איז ער פארטאן שוין 25 יאר אן אויפהער און דאס איז ביבליאגראפיע. זיינע ארבייטן אויפן דאזיקן געביט זיינען צעווארפן איבער די 25 יארגענג פון דעם העברעאישן ביבליאגראפישן זשורנאל „קרית ספר".

געבוירן אין דזשיקאוו (גאליציען) האט ער דארט באקומען א רעליגיעזע דערציאונג. ער שמ׳ט שוין ייִנגלווייז אלס עילוי און בעת ער קומט קיין ישראל אין יאר 1920 הויבט ער אן אלס לערער אין תל אביב. פון יאר 1925 איז ער



טעטיק אלס ביבליאטעקאר און ביבליאגראף אין דער נאציאנאלער אוניווערסיטעטס ביבליאטעק אין ירושלים.

זיין ערשטער דעביוט זיינען געווען עסייען וועגן י. ל. גארדאן, משה חיים לוצאטו און ש. י. עגנון. ער האט אויך איבערזעצט פיכטע׳ס בוך „די באשטימונג פון מענטש" און קאנט׳ס ווערק „פראלעגאמענא צו מעטאפיזיק" און אויך הערצל׳ס שריפטן. ער גייט אבער באלד איבער צו זיינע פארצווייגטע פארשונגען וועגן דער געשיכטע פון יידישן ספר. ער איז פארטראטן אין דעם וויסנשאפטליכן זשורנאל „קרית ספר" אין יעדן נומער מיט פארשונגען וועגן יידישע דרוקערייען אין קאנסטאנטינאפאל, סאלאניקא, סמירנע און אינדיען און תימן.

די געשיכטע פון די העברעאישע דרוקערייען איז נאך נישט געשריבן געווארן ביז איצט. דע ראסי איז געווען דער ערשטער, וואס האט געשריבן וועגן העברעאישע דרוקערייען אין איטאליע. צונץ האט אין זיין בוך „צו דער געשיכטע פון ליטעראטור" (בערלין 1845) געשריבן וועגן די דרוקערייען פון מאנטוא. מיט די דרוקערייען אין פוילן האבן זיך אבגעגעבן פראפ. מ. באלאבאן, ח. ד. פרידבערג און אנדערע. די דרוקערייען אבער אין די מזרח לענדער זיינען אין גאנצן א פארלאזן פעלד און קיינער האט זיך צו זיי נישט צוגערירט. אויפן דאזיקן געביט איז אברהם יערי טאקע דער ערשטער פיאנער.

עס איז כאראקטעריסטיש פאר יערי׳ן דעם מענטש און דעם פארשער, וואס דער מענטש און דער שרייבער אין אים זיינען ענג פארבונדן. יערי איז ענג פארבונדן מיטן לעבן. אין זיינע איבערזעצונגען פון דער פילאזאפישער ליטעראטור פילט זיך דער הויך פון שרייבער, וואס איז דורכגעדרונגען מיט אן אייגענעם לעבנס געדאנק.

יערי איז א טיפ פון א מושלם אין פולן זינען פון ווארט. נישטא דאס געביט אין וועלכן ער זאל זיין פרעמד. דערהויפט אבער האט ער אוועקגעגעבן יארן פון ארבייט צו דערפארשן דעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל. דריי ביכער האט ער ארויסגעגעבן: „בריוו פון א״י", „רייזעס פון ארץ ישראל" און „זכרונות פון לאנד", אלע דריי ביכער וואס זיינען שיינע מאנומענטן פון ישוב אין ישראל.

יערי איז טיף פארווארצלט אין דער יידישער טראדיציע. זיין נאמען קלינגט ווייט און ברייט אלס פארשער פון די מזרח יידן. זיינע ארבעטן וועגן די תימנ׳ער יידן, וועגן די בוכארער יידן און וועגן די יידן אין קורדיסטאן און זיינע אויספירלעכע ביבליאגראפיעס וועגן דער יידיש־שפאנישער ליטעראטור זיינען אן אוצר פארן העברעאישן לעזער.

אברהם יערי איז מסתמא דער איינציקער העברעאישער שריפטשטעלער אין ישראל, וואס התמדה איז דער גרונטשטריך פון זיין כאראקטער. דעם שרייבער פון דעם ארטיקל איז אויסגעקומען צו זען זיין ארבייטזאמקייט. אין משך פון ווייניקע מאנאטן האט ער פארענדיקט זיין בארימט ווערק „הדפוס העברי בארצות המזרח", וואס באשרייבט אויספירליך די דרוקערייען אין קאירא,

קאלקאטא, באָמביי, מאדראס, באגדאד און אנדערע שטעדט פון די מזרח לענדער. ער איז טאקע דערפאר זייער באליבט ביי די ספרדישע יידן און ביי די פארשיידענע מזרח יידן, וואָס האָבן אַ באזונדערן ווארימען געפיל פארן פאָרשער פון זייער גייסטיקן שאַפן. און זיין יובילייי איז איצט ביי זיי אַן אמת׳ער קולטור יום־טוב.

---

## אליהו פאלושאק

# בימים ההם...

(אַ פורימיאדע)

„בימים ההם, אין יענע צייטן, ווען עס האָבן נאָך געשפילט צוויי יידישע טעאַטערס...״ אַזוי קען זיך אָנהויבן די מעשה, וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן, אָדער אפשר גאָר: ויהי בימי געאָרג הששי. עס איז געווען אין דער צייט פון געאָרג דעם זעקסטן, בשנת שתים עשרה למלכותו, אינם צוועלפטן יאָר פון זיין הערשאפט, ווען עס האָט זיך אָפגעשפילט די דאָזיקע היסטאָריע.

עס איז געווען חנוכה־צייט. קאַלט און נאַס, רעגן און שניי, ווי עס פאסט פאר לאָנדאָנער וועטער. מיין פריינט ביעטש איז געווען זייער קראנק און איך האָב מיך געקליבן אים מבקר חולה צו זיין.

און ביז איך האָב מיך געקליבן, איז ער ברוך השם געוואָרן געזונט, מיט אַ גוטן אַפעטיט צום עסן און אַ חשק צוזאמענצוקומען מיט מענטשן, ווי ער איז עס געוואוינט פון אייביק אָן. האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן, אַז דאָס ערשטע, וואָס מיר דארפן טון, איז צו גיין אין טעאַטער.

טעאַטער! וועלכער ייד האָט דען נישט ליב טעאַטער? יעדער ייד איז אַ שטיקל אַקטיאָר, אַ שטיקל בדחן, חזן אָדער קאָמעדיאנטיק, אַ מומחה אין זינגען, שפילן און טאנצן, אַ מבין אין דראמע, קאָמעדיע און אָפערעטע. גייט אין אַ יידיש טעאַטער, און הערט אייך צו צו די „עקספערטיזן״ פון די טעאַטערגייערס, וועט איר קלאָר פארשטיין, וואָס איך מיין.

און פארוואָס זאָל מען טאקע נישט גיין אין אַ יידיש טעאַטער, בפרט, ווען עס זיינען דאָ צוויי איינגעפונדעוועטע טעאַטערס מיט סטארס און סטאריכעס, ליבהאָבערס און ליבהאָבערינס, זינגערס, שפילערס, טענצער וכדומה? פאַרוואָס טאקי נישט? — יאָ גוט, נישט גוט; יאָ קונסט, נישט קונסט — לאָמיר זיך גיין אָנקוקן די ספעקטאַקעלס, און ווען עס וועט זיין עפעס אויסערגעוויינטלעכעס, וואָס וועט אונדז פראָוואָצירן, האָבן מיר דאָך עפעס אַ פען אין דער האנט, וועלן מיר אויך מאכן אַ ספעקטאקל.

הכלל, מיר האָבן זיך אָפגעשמועסט, אַז ער און איך און אונדזערע ווייבער זאָלן געזונט זיין און מיין מיזיניקל זאָל געזונט און שטארק זיין, מיר וועלן אַלע גיין אין דער „יידישער סקאלא״, וואו עס טרעטן אויף אַלס געסט אַ גרויסער סטאר אַ זינגער, און אַ גרויסע סטאריכע אַ סוברעטע מיט דעם גאנצן אנסאמבל און קלאפערגעצייג פונעם טעאַטער.



מיר האָבן, ווי מען זאָגט אין בריק ליין, „געבוקט טיקעטס״ און זיך מכין געווען צו גיין אין טעאַטער.

אַז מען זעצט זיך שפעט צום טיש, עסט מען קאַלטע יויך מיט לאָקשן. אַז מען „בוקט״ שפעט, זיצט מען שלעכט. ווען מיר האָבן זיך אָנידערגעזעצט אויף אונדזערע פלעצער, זיינען מיר זיך פאָרגעקומען, ווי געפרעסטע הערינגלעך אין פאס. מען האָט אונדז געשטופט פון אַלע זייטן. פאר מיר איז געזעסן אַ הויכער ייד מיט אַ גאָך העכערן קאַפעלוש — עפעס ווי אַ רבנישער ספאָדעק, — און אַזוי ווי דער ייד האָט נישט געוואָלט זיצן בגלוי־ראש, האָב איך מיין ראש געמוזט דרייען פון רעכטס אויף לינקס, און פון לינקס אויף רעכטס כדי צו קענען זען די וויכטיקע האנדלונג אויף דער בינע.

וואָס ס׳איז דאָרט פאָרגעקומען אויף דער בינע, ברויך איך דאָך אייך נישט צו דערציילן. איר זענט מסתמא דאָרט געווען, האָט דאָס שפיל געזען און קענט די גאנצע האנדלונג, דיאַלאָגן און לידער אויסווייניק. און ווען חלילה נישט, — אַלע רעגלמעסיקע יידישע טעאַטער־גייער ווייסן שוין נאָך דעם ערשטן אַקט, וואָס וועט פאָרקומען אינעם דריטן אַקט. הינטער אונדז איז געזעסן אַ יידענע מיט אירע גוטע פריינט, האָט זי בשעתן שפילן זיי אויסגעטייטשט דאָס גאנצע שטיק פסוק לפסוק. די דאָזיקע יידענע איז געווען אַזוי געניאַל, אַז זי האָט פאָרגעזאָגט, וואָס דער און דער אַקטיאָר אָדער אַ באַשטימטע אקטריסע וועט זאָגן ביי דעם אָדער יענעם וואָרטשפיל. איר קענט אייך פאָרשטעלן, וועלכן נחת רוח מיר האָבן געהאַט פון דער דאָזיקער פאָרזאָגערין! נאָך גרעסערן נחת רוח האָט אונדז פארשאַפט דער גרויסער סטאר, דער פאָלקס־זינגער אַליין. ער קומט אַרויס אויף דער בינע אַ פאַרזאָרגטער, אַן אָפגעמוטשעטער. זיין ווייב איז פון אים אנטלאָפן מיט אַן אנדערן, און זיין איינציק טעכטערל ליגט אים סכנה׳דיק קראנק. בעט ער רחמים ביי דער האָטעל־באַזיצערין, זי זאָל אים געשווינט באַזאָרגן אַ דאָקטאָר. אין דער צייט פון וואַרטן אויפן דאָקטאָר, זוכט ער דערווייל „קאָנטאַקט״ מיט דעם פובליקום, האלט אַ קורצן אַריינפיר־„ספיטש״ און הייבט אָן צו זינגען לידלעך און לידער פון דאָ און פון דאָרט, וואָס איר ווילט און וואָס איר ווילט נישט, און וואָס ער האָט איינשטודירט מיט זיין פובליקום.

וועט איר דאָך אודאי זאָגן, אַז איך בין אַן עם הארץ אין הלכות טעאַטער, און פארגין נישט דעם ליבן פשוטן עולם זיך צו „ענדזשאָיען״ אויף זייער אייגענעם אופן — זאָג איך אייך, אַז איר קענט אויף מיר זאָגן, וואָס איר ווילט, איך וועל אייך קיין „לייבל״ איבער דעם נישט מאכן.

אַז מען וויל זוכן אַ זכות, קען מען אַפילו זאָגן, אַז עס זיינען אין דעם שפיל געווען אויך אַ פּאָר גוטע מאָמענטן. די סטאריכע פון אמעריקע איז אַ באחנטע סוברעטע, וואָס קען אפילו אַ קינדער־ראָלע שפילן בעסער, ווי מאנכער זייער יונג־יוגענטלעכער. די אנדערע איינגעזעסענע און האלב־איינגעזעסענע אקטיאָרן און אקטריסעס שפילן אויף זייער אופן, און טוען וואָס זיי קענען. איר פארשטייט? זיי שפילן אויף זייער אופן און טוען, וואָס זיי קענען...

וואָס הייסט: איר פֿאַרשטייט? וואָס שרייב איך דען דאָ אַ רעצענזיע?

הכּלל, רבותי, מען האָט אָפּגעפּאַרטיקט און אָפּגעצימבעלט דאָס גאַנצע שטיק, מען האָט געשפּילט, געזונגען, דראַמאַטיזירט, געשריגן, געוויינט און געלאַכט. די ברוגזע טאַטעס אין דעם שטיק האָבן זיך איבערגעבעטן, מען האָט מיט מזל געפֿירט די קינדערלעך צו דער חופּה. די מאַמע, די אמתע מאַמע ליגט נעבעך אינעם קבֿר, אָבער ס׳איז דאָך געווען אַ העפּי ענד, פּונקט אַזוי ווי די יידענע, וואָס איז געזעסן הינטער אונדז, האָט פֿאָראויסגעזאָגט.

מילא, אַ העפּי ענד איז אַ העפּי ענד. מאַמעס און סענטימענטאַלע יונגע־לייט ווישן אויס אַ פֿאַרגנבֿעטע טרער, און אַלע גרייטן זיך אַהיים צו גיין, הערט מען פּלוצלינג אַ קאָמאַנד (אין יידישע טעאַטערס בעט מען נישט דעם עולם — מען קאָמאַנדירט): „סיט דאַון!״ און: „סטיי ווהער יו אַר!״* און ווען דאָס העלפֿט נישט, און דער עולם הייבט זיך יאָ אָן צו רירן, קומט אַריין אַ היכּער פּאַרשוין מיט אַ געוואַלטיקן קאָפּעלוש אויפֿן קאָפּ, מסתּמא אַן איבער־סטיואַרד, מיט אַ מינע און אַ קול פֿון אַן אויבערקאָמאַנדער פֿון עפּעס אַראַבישע חיילות, און איז מודיע, אַז ס׳איז חנוכּה, און מען וועט היינט בייְנאַכט צינדן חנוכּה־ליכטלעך.

חנוכּה־ליכטלעך! וועלכער ייִד האָט נישט ליב ליכט, ליכטלעך און נאָר שוין חנוכּה־ליכטלעך! ליכט איז לעבן; ליכט איז סימבאָל פֿון פֿרייהייט. אָבער וואָס מיר עפּעס חנוכּה־ליכט־בענטשן דאָ אין אַ פּשוטן אָרעמען טעאַ־טער־זאַל? די אַקטיאָרן האָבן אָפּגעשפּילט זייער שטיק, געשפּילט טעאַטער, נאָכגעמאַכט טעאַטער. צו וואָס נאָך מאַכן אַ ביליק טעאַטער־שטיק מיט די טייערינקע חנוכּה־ליכטלעך?... און עס האָט מיך אָנגעהויבן צו נאָגן בײַם האַרצן.

איך קוק מיר אָן מײַן פֿריינט בײַטש, וואָס איז גראַד אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ שווערער קראַנקהייט. זע איך, ווי זײַנע אויגן ווערן גרעסער און גרעסער, זײַן פּנים — בלייכער, און אַז ס׳נאָגט אים אויך שוין בײַם האַרצן. פֿאַרשטייען מיר אונדז אויפֿן ווונק און ווילן אונדז אַרויסקוועטשן. לאָזט מען אונדז נישט. מיר זײַנען אַרומגערינגלט מיט אַן אײַזערנער מויער. עולם קוקט אונדז אָן ביזז. אַ קלייניקייט! חנוכּה־ליכט בענטשן! ווי קען מען דען דאָ ברעכן די „נאַציאָנאַלע״ דיסציפּלין?

מילא, זײַנען מיר געבליבן. דער גרויסער סטאַר פֿון אַמעריקע האָט ווידער געהאַלטן אַ רעדע, אַ מין דרשה׳לע, און מיט אַ סאַמעטענער יאַרמעלקע אויפֿן קאָפּ האָט ער געצונדן די ליכטלעך. מען האָט געזונגען „מעוז צור ישועתי״, צום סוף די „התּקווה״. דער עולם איז זיך צעגאַנגען אין אַ דערהויבענער שטי־מונג, און די דירעקציע פֿונעם טעאַטער האָט געפֿילט, אַז דאָ האָבן זיי אָפּגע־טאָן אַ שטיקל. וואָס וועט שלאָגן די קאָנקורענץ. אַ קלייניקייט! אַזאַ מין סוקסעס?

* Sit down! Stay where you are!



אָבער איך בין מיר פֿאַרגעקומען קליין און ווינציק, האָב מיך פֿרובירט אײַנצוקאָרטשן און באַהאַלטן מײַן קאָפּ אונטער דעם קאָלנער. איך האָב מיך געשעמט, וואָס דער בורא עולם האָט מיך באַשאַפֿן מיט אַזוי ווייניק שׂכל און געפֿיל, אַז איך קען נישט משׂיג זײַן די גרויסקייט און די נײַע ווענדונג אינעם יידישן טעאַטער, וואָס הייבט אָן צו ווערן אַ מין פֿאָלקס־אינסטיטוציע, וואו די סטאַרס און מיטשפּילער וועלן אויסטרעטן נײַע וועגן. מען וועט האַלטן רעדעס, דרשות; זינגען, וואָס דער עולם וויל; שפּילן, וואָס דער עולם וויל. צינדן חנוכּה־ליכטלעך, עסן לאַטקעס, שפּילן דריידל, צו פּורים — לייענען די מגילה, אַראַנזשירן אַ סעודת פּורים. צו פּסח וועט מען צו די סדר־נעכט גאַרנישט שליסן דעם טעאַטער. באַלד נאָך פּורים וועלן גרויסע אָפּישן באַקאַנטמאַכן דעם עולם, אַז מען קען שוין „בוקן״ אינעם טעאַטער פֿאַר די צוויי סדר־נעכט, און אַז ס׳וועט אויך זײַן אַ דריטע סדר־נאַכט (עפּעס אַ נײַצײַטיקע מאַכערייקע פֿון אפּיקורסים און ליטעראַטן). עס וועלן אויפֿטרעטן צוויי נײַ־אָנגעקומענע סטאַרס פֿון בראָדוויי־ניו־יאָרק מיט נײַ־אײַנשטודירטע קלאַסישע „געזאַנגען און טענצער״.

און אַזוי שלעפּריק־טענצלדיק בין איך מיר אין רעגן און שניי אַהיימגע־קומען...

און ס׳איז טאַקי אַזוי געקומען: בילעטן ווערן פֿאַרקויפֿט ביז צום ליכט־בענטשן, און יעדן פֿרײַטאָג אָוונט איז דאָס טעאַטער קיין עין הרע געפּאַקט מיט מענטשן: יונג און אַלט. מען נעמט זיך מיט אַ שטיק חלה אָדער קוילעטש מיט אַ פּולקע, אַ פֿערטל הינדל אָדער אַ שטיק פֿיש אײַנגעפּאַקט אין פּאַרמעט־פּאַפּיר, אַ פּאָמעראַנץ און אַן עפּל, און מען וואַרט בײַ אַ מאָדערנעם קבלת שבת, אויסגעפֿירט פֿון די מאָדערנסטע און באַרימטסטע סטאַרס פֿון ניו־יאָרק, בוענאָס אײַרעס, פּאַריז, תּל אָבֿיבֿ און אייִשישאָק. מען הערט אַ „לכו נרננה״ מיט דער מעלאָדיע פֿון אַ נײַעם רומבאַ, דעם „לכה דודי״ מיט דעם ניגון פֿון אַ סקאָטישן מאַרש און אַנדערע האַרציקע טענער פֿון אַן „אינגליש וואַלס״ און הייסבלוטיקן אַרגענטינישן טאַנגאָ. עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. דאָס טעאַטער איז פֿרײַטאָג צו נאַכט נאָך געווען מער געפּאַקט, ווי אין אַנדערע נעכט. די דירעקציע האָט געמוזט צונעמען נאָך אַ זאַל און מאַכן אַן „אָווערפֿלאָו סערוויס״. עס זײַנען אָנגעקומען געסט פֿון סטעמפֿאָרד היל און העמערסמיטה, פֿון גאָלדערס גרין און עדזשוועיר מיט זייערע אויטאָס, בענט־לים און ראָימלערס, אפֿילו פֿון וועסטקליף, מאַרגייט און באָרנמוטה. זײַנען געקומען געסט בײַצוואוינען די מאָדערנע פֿרײַטאָג צו נאַכטס. האָטעלס און רעסטאָראַנען אַרום דעם טעאַטער האָבן נאָך דער פֿאַרשטעלונג געהאַט צו טאָן ביז נאַכט.

הכּלל אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אַ גאַנץ יאָר! און ערשט וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פּורים — — —

איז דאָך אָבער נישט געווען באַשערט. קנאה — שׂנאה איז בײַ יידן גרוים! עס האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקות, און איר וועט פֿאַרשטיין, פֿון וואו די

מחלוקות און דער קאמף זיינען געקומען. מעשה שטן האָבן די שולן און בתי מדרשים אָנגעהויבן צו ווערן ליידיקער. די יוגענט איז שוין גאָרנישט געקומען אין דער שול, אַז מען קען דאָ הערן און זעען סטארס דאַווענען, זינגען אַ לידל און אַליין נאָך מאכן אַ טענצל. האָט מען דאָך אַלץ אינאיינעם — אי יידישקייט, אי „ענדזשאָימענט“, טאָ קען דאָך דער טאטע נישט פארלאנגען, אַז ער, דאָס יידישע ייִנגל, זאָל מיט אים מיטגיין אין זיין שול צום „אָלד־פעשיאַנד סערוויס“, וואו ער פארשטייט גאָרנישט מיט גאָרנישט.

חזנים, רבנים, שמשים האָבן געזען, אַז דאָ איז אויפגעשטאַנען אַ קאָנקורענץ וואָס גראָבט אונטער זייער עקזיסטענץ. שכירות פון חזנים און שמשים זיינען געוואָרן געקירצט אויף דער העלפט, רבנים זיינען געוואָרן ארבעטסלאָז. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשריי: „געוואלט! יידישקייט איז אין סכנה! דאָס טעאַטער נעמט אַוועק דער שול כמעט דעם גאנצן עולם“ עס וועט באלד קומען, אַז צו אַ ברית מילה, פדיון הבן אָדער חתונה וועלן מיר מוזן אָנקומען צום טעאַטער. אַ קשיה, וואָס בראָדוויי־ניו־יאָרק אָדער האָליוואוד קען נאָך אָנטון? זיי קענען אָהערשיקן סטארס, וואָס זיינען גוטע אַקטיאָרן און האָבן אויך סמיכת רבנות... די חזנים האָבן גענומען די איניציאַטיוו און גערופן צו אַ פּראָטעסט־אסיפה. די הויפט־רעדע האָט געהאלטן אַ יונגער רעווערענד. ער האָט גערעדט מיט גרויס פייער. עס איז געוואָרן אָנגענומען זיין רעזאָלוציע צו פּראָטעסטירן קעגן די מאכינאציעס פון טעאַטער וואָס „גראָבט אונטער די יסודות פון יהדות“, און צו שיקן אַ דעפּוטאציע פון אָנגעזעענע מיטגלידער פון אַלע לאָנדאָנער קאָנגרעגאַציעס צום בילדונגס־מיניסטעריום און דער בריטיש אָרט קאונסיל אויסצופועלן, אַז מהיום והלאה זאָל זיך דאָס יידישע טעאַטער נאָר באשעפטיקן מיט שוישפּיל־קונסט, קאָנצערטן און ווייטער גאָרנישט און איבערלאָזן אַלע סקארבאָווע ענינים צו די „היברו קאָנגרעגיישאָנס“ פון דער גרויסער מעטראָפּאָליע לאָנדאָן וכו'.

נאָך פיר וואָכן און דריי טעג זיינען אָנגעקומען די תשובות פונעם בילדונגס־מיניסטעריום און דער בריטיש אָרט קאונסיל. ביידע האָבן זיי כמעט אין דעם זעלבן סטיל געענטפערט, אַז זיי קענען ליידער גאָרנישט טון ווייל דאָס יידישע טעאַטער האָט נישט צו טון מיט בילדונג און נישט מיט קונסט. יידיש טעאַטער דאָ איז אַ ריינע קאָמערציעלע אנגעלעגנהייט. דאָס הייסט ס'איז פשוט ביזנעס, און דאָס בעסטע איז, זיי זאָלן זיך ווענדן צום האנדעלס־מיניסטעריום, דער באָאַרד אָף טרייד.

געהערט דאָס וואָרט באָאַרד אָף טרייד, זיינען די רבנים, פרנסים, חזנים און שמשים געוואָרן פאַרציטערט. וועמען שיקט מען דאָרט אַהין? עס איז גראד געווען די צייט, ווען די אַפערע סידני סטאנלי האָט אָנגעפילט די גאנצע ענגלישע פרעסע. אפשר גאָר אַהינשיקן דעם דאָזיקן סטאנלי? זיין נאָמען איז עפּעס טאקי נישט אַי־אַי טאָ איז וואָס? אַז ער האָט געקאָנט עפּעס טון פאר גוים, וועט ער דאָך קענען עפּעס טון פאר יידן. האָט מען געשיקט אַ פאַרבינדונגס מאן נאָך פארק ליין מיט אַ פאָרשלאג, ער זאָל פארהאנדלען מיט דער



באָאַרד אָף טרייד. געהערט דאָס וואָרט „באָאַרד אָף טרייד“, איז סטאנלי געוואָרן בלייך ווי קאלעך און אויסגערופן: „וואָס ווילט עץ פון מיינע יאָרן? גענוג צרות פון זיי געהאַט. און ווער זענט עץ עפּעס, אַז איך זאָל פאר ענק עפּעס טון? האָט עץ כלי קודש איינאיינציק גוט וואָרט געהאַט פאר מיר אין דער צייט פונעם „טרייבונאל“? פאַרוואָס זאָל איך קעמפן קעגן דעם יידישן טעאַטער? זיי האָבן מיך ליב און איך האָב זיי ליב. זיי האָבן מיך פיין אויפגענומען און מיר געמאַכט אָוואַציעס, און נאָך וואָסערע אָוואַציעס. איך קען גאָרנישט טון פאר ענק, איך האָב היינט דאָרטן קיין שום פריינט נישט מער. און וואָס משטיינס געזאָגט פארשטייען שוין גוים פון אונדזערע ענינים? נאַר, פארשטייט איר. איין וועג בלייבט נאָך אָפן...“ — — — — — — — —

און דאָ ליבע פריינט, באַקום איך אַ שטורכע פון מיין ווייב זאָל לעבן. זי באשפּרענקעלט מיך מיט פרישן קאלט וואַסער, ווישט מיך אָפּ דעם קאלטן שוויס פון מיינע הענט און דערציילט מיר, אַז זי האָט אונטן אין דער קיך געהערט אַ היציקע דיסקוסיע, וואָס איך האָב אויבן אין שלאָפצימער געפירט מיט מיר, עפּעס משונה'דיקע ווערטער, ווי סעודת פורים, טעאַטער, חזנים, רבנים, רעזאָלוציעס, סטאנלי. האָט זי פארשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג!

אַזוי גאָר? איז דאָס אַלעס, וואָס איך האָב אַזוי קלאָר און בולט דערלעבט און דאָ באשריבן נישט ווייטער, ווי אַ חלום? אַ חלום, וואָס פארגייט, ווי אַ זייפנבלאָז און ווערט פארגעסן... אַ שאָד! הייסט עס, אַז ס'איז גאָרנישט דאָ קיין נייע ווענדונג אינעם יידישן טעאַטער אַלץ וועט בלייבן ווי ס'איז געווען. „געזעגנגע און טענצע“, „ליריקס“ (געהערט שוין אַזאַ וואָרט אין יידיש?) און מוזיק פארפאַסט פון די גרויסע אימפּאָרטירטע סטארס אַליין... אַ, ניין, ס'איז נאָך ערגער! פון ביידע טעאַטערס איז געבליבן נור איין טעאַטער. איר פארשטייט, איין טעאַטער. אָבער נאָך וואָס פאר אַ טעאַטער?...

י. ביעטש

## וואס איז צו טאן?

„ראטעוועט די יידישע קולטור פון אונטערגאנג“. דער ווייטגליכער אויסגעשריי ווערט תמיד געהערט פון אלע ריכטונגען אינם יידישן געזעלשאפטליכן לעבן, אויף אלערליי פארזאמלונגען און צונויפקונפטן, ווי אזוי פארזיכערט מען א נארמאל יידיש קולטור לעבן. די פראקטיק האט אבער באוויזן אז נישט אלע צדדים קענען זיך אייניקן, אדער ווילן זיך אייניקן אין דער דאזיקער וויכטיקער קולטורעלער אויפגאבע.

דער גרעסטער אומגליק, וואָס אין צייט פון אַ פייער איז, אַז די באַוווינטע פון דעם הויז וואו דאס פייער ברענט פארלירן זיך און ווייסן נישט וואס צו טון. אנשטאט צו ראטעווען וואָס מען קען, נעמט מען ליארמען, שטופּן און שטויסן איינער דעם צווייטן. דער רעזולטאט איז, אַז אפילו וואס דאס

פייער לאזט איבער ווערט צוטרעטן און צעטראמפּלט פון אייגענע גוטע פריינט.

נאך קיינמאל איז דער מצב פון יידיש אינם היגן יידישן לעבן, געווען אזוי טרויעריק ווי איצט. פארשווינדט טאקע דער קלאנג פון אונזער לשון? אמת אז דאס יידישע קולטורעלע לעבן אין מאדערנעם זין, איז תמיד געווען זייער ארים צווישן דער יידישער באפעלקערונג. בסך הכל זיינען פאראן דריי קערפערשאפטן, וועלכע גיבן זיך אב מיט פארשענערן דאס לעבן פונם ארטיקן יידישן עולם. דאס זיינען דער ארבייטער רינג, „פריינט פון יידיש לשון“, בן אורי. אבער אפילו די קערפערשאפטן זיינען שרעקלעך ארים אין מענטשן, נאר געציילטע איבערגעגעבענע יחידים, האלטן אויף די טעטיקייט. עס פעלט דער עיקר, דער קהל. די געבוירענע דא אין לאנד איז די יידישע שפראך און ליטעראטור לגמרי פרעמד, און די נאכגעלאזנקייט פון די ליבהאבער פונם יידישן ווארט, ווערן אלץ מער פארפרעמד, און דערפירן דאס יידישע קולטורעלע לעבן צום אפגרונט.

מיר שטייען אויפן שוועל פאר א קאטאסטראפע, ס׳באווייזן זיך סימנים, אז דער יידישער ישוב גרייט צו אן אומווירדיקן טויט פאר יידיש לשון א קבורת־חמור פון דער יידישער ליטעראטור.

עס איז פאראן א שפריכווארט, מען זאל נישט געפרופט ווערן, צו וואס מען קען זיך צוגעוווינען. די קללה פון זיין פאסיוו, פון ווערן צוגעוווינט צו אלעם וואס ס׳קומט פאר אין אונזער לעבן, מאכט שווער עפּעס ממשותדיקעס צו טאן.

א יידיש ריידנדיקער ישוב גייט אונטער, דאס פייער פון זארגלאזיקייט פארדרענגט אלעס און מיר האבן פארלוירן דעם קאפּ; אנשטאט צו שטארקן אונזער קולטורעלן בנין מיט אלע כחות פון אונזער גייסטיקער פאטענץ, גייען מיר ארום פארבראכן די הענט און מען ווייס נישט אויף וועלכע וועלט מען איז.

כדי אויסצומיידן די סכנה, דעם מורא געפיל: וואס וועט זיין מיט יידיש? מוז אלעמערשטן ווערן געזארגט פאר א ברייטע קולטורעלע טעטיקייט אינם יידישן לאנדאן. דער חודש זשורנאל „לשון און לעבן“ קען ווערן א שטיצפונקט פון אזא טעטיקייט. די צייט־שריפט וועט עס קענען טאן, ווען עס וועט ווערן ארום איר געשאפן די נויטיקע פריינטלעכע סביבה.

איינע פון די דרינגעסטע אויפגאבןביים איצטיקן מאמענט איז, אז דער יינגערער דור זאל באוווסטזיניק ווערן פאראינטערעסירט, אויפצוהאלטן די יידישע קולטור, באהעפטן זיך מיט דעם גרויסן קולטור אוצר און מיט די מאדערנע שאפונגען פון דער יידישער ליטעראטור. צו דעם עלטערן יידיש ריידנדיקן מענטש ווילט זיך זאגן, אז מען קען נישט פארלאזן די שפראך, וואס מען האט מיט די מוטערמילך איינגעזויגן און באנוצן א פרעמדע ביים ריידן צו לאנדסלייט.

דאס ערגסטע איז: וואס אלע פילן און שפירן אז מיט דער יידישער ליטעראטור, דאס יידישע טעאטער, צייט־שריפטן און פרעסע האלט שלעכט.



און דאך פרווט נישט קיינער פון די אינטערעסירטע צדדים, קודם־כל די שריפטשטעלער, געזעלשאפטלעכע טוער, אנצונעמען ראדיקאלע מיטלען, צו פירן א געמיינזאמע איינהייטלעכע אקציע ארום די דאזיקע וויכטיקע קולטור ענינים, וואס רירן אן די לעבעדיקסטע אינטערעסן פון גאנצן היגן יידישן ישוב, ליידער הערקט זיך א שטארקע אטראפירונג פון דעם דאזיקן פליכטס־געפיל.

די קאנווע פון דער קולטורעלע ארבייט דארף זיין צו וועקן א טיפע ליבע צום יידישן ווארט, וועקן דעם עולם קעגן דער געפאר, אז דאס יידישע ווארט זאל אין א פאר צענדליק יאר כמעט אויפהערן געהערט צו ווערן אינם היגן יידיש ישוב. מיר קענען און טארן נישט דערלויבן זיך דעם לוקסוס אינם איצטיקן מאמענט צו זיין גלייכגילטיק, און מיט אייגענע אויגן זעען, ווי א יידיש ריידנדיקער ישוב גייט אונטער.

א מאביליזאציע פון נייע כוחות, וועלכע האבן ליב דאס יידישע ווארט, און איז באוווסטזיניק וועגן דעם אחריות געפיל, וואס די לעצטע געשעענישן אינם יידישן לעבן לייגן אויף אונז ארויף, ממשיך צו זיין די יידישע קולטור, וואס איז דורך דורות לאנג געשאפן געווארן. עס מוזן אקטיוויזירט ווערן אלע שעפערישע כוחות פאר דעם צוועק.

דער באנקעט, וואס איז געהאלטן געווארן אינם זאל פון ראבערטס רעסטאראן אין קאמערשל ראוד איסט, לכבוד דער צייט־שריפט „לשון און לעבן“ איז באמת געווען א גרויסע שמחה. עס זיינען זיך צונויפגעקומען א גרויסער עולם, שרייבער, דיכטער, דעלעגאטן פון פארשידענע אינסטיטוציעס. באשטראלט מיט אן אחריות געפיל ווייטער צו שפינען די גאלדענע קייט פון דער יידישער קולטור. פאר די פריינט, וועלכע טראגן די לאסט פון יארן פאר דער עגזיסטענץ און אנטוויקלונג פונם זשורנאל „לשון און לעבן“ וועלכע האט שוין דערגרייכט צו דעם נומער 122 און דערשיינט אן הפסקה יעדן חודש פאר די לעצטע צען יאר, איז עס באמת א גרויסער פארדינטער יום־טוב.

דער צוזאמענקונפט פון אזא עדה יידן, וועלכע האבן זיך אזוי ווארים אפגערופן אויף דעם אפעל, האט באוויזן אז זיי זיינען פאראינטערעסירט אינם אויפהאלט פון דעם חודש זשורנאל אין לאנדאן. „לשון און לעבן“ קען באמת ווערן א וויכטיקער שטיצפונקט, צו שטארקן די פאזיציע פון יידישן לשון, און העלפן שאפן א פאראייניגונג פון די צעווארפענע גייסטיקע כוחות אינם יידישן לאנדאן. וואס איז אייגנטלעך נישט אזוי ארים אין דעם זין. די ריידנער און דעלעגאטן וועלכע האבן באגריסט די פייערונג, האבן דאס בולט אונטערגעשטראכן.

אינם ליטערארישן טייל האט זיך, ווי אלעמאל שטארק אויסגעצייכנט, די באקאנטע זינגערין חנה מעצגער, מיט איר זיסער הארציקייט אין די יידישע פאלקס לידער, וועלכע דער עולם האט איר אויף אן אייגנארטיקן אופן באדאנקט.

גאר באזונדערס האט אונזער באליבטער יידל גאלדבערג אויסגענומען

מיט זיינע צוויי פאָלקס לידלעך, וועלכער איז געוואָרן הארציק באַדאַנקט, און אויסגעדרוקט דעם ווינש צו הערן די זינגערס אין אַ פיל גרעסערן רעפּערטואַר.

א. נ. שטענצל, רעדאַקטאָר פון דער שריפט, האט אונטערגעשטראָכן אין זיין סך־הכל, אז קדם כל איז „לשון און לעבן" א לאנדאנער חדוש זשורנאַל און ער האלט, אַז אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף, וועלכע גייט אָן אינם גייסטיקן לעבן פון יידישן פאלק, דאַרף זיך נישט שטעלן אויף דעם אדער יענעם צד, נאר מיט אַלע מעגלעכקייטן אריינטראָגן קלאַרקייט אין די פאַרפּלאָנטערטע פראַגן, וואָס איז נוגע די קאָנטיניואיטעט פון דער יידישער קולטור.

„ראַטעוועט די יידישע קולטור פון אונטערגאנג" דאס איז דער געבאָט פון דער איצטיקער צייט.

## ווען מען פאַרלירט דאס גלייכגעוויכט פונם אקצענט...

נישט נאר די שפּראַך פאַרבינדט א פאלק צו אָן איינהייט, נאר צומאָל דער בלויסער אקצענט אינם וואָרט איז עס שוין ביכולת. דער אקצענט איז דער לויטערער קלאַנג אין דער שפּראַך וואָס מאַכט זי ערשט עכט, פון הארץ צו הארץ גייענדיק, ווי דער קלאָרער קלאַנג אינם גאָלדשטיקל וואָס מאַכט עס עובר לסוחר. דער דרוק אויף דער נקודה, איז דער שווערפּונקט, איז וואָגיקייט פון א שבט, פון אַ שפּראַך־גרופּע; עס איז דער דרוק פונם הארץ, וואָס מאַכט ערשט דערפילן דאס וואָרט; דער בלוט־דרוק וואָס קרייזט עס. זיך גלענצנדיק אַראָפּצוקייקלען פון די ליפּן אַראָפּ — די שטויס־און צוציאונג קראַפט ליגט אינם אקצענט! נישט בחנם אפנים ליגט גראַד אין אויערהייטל דאס גלייכגעוויכט פונם מענטש....

צוויי יידן פון זעלבן גראַד און זעלבער אידיאָלאָגיע שפּירן שוין ביים „שלום עליכם" דעם דרוק פון זייערע הענט: אַ, איר זענט אַ ווילנער, איך בין אַ קראָקעווער....

און עס לייגט זיך גריילעך אויפן שכל, אז דער גאַנצער ענין אַנטיסעמיטיזם איז בכלל, נאָר אַן אָנגעטון טייוולאָניש־שפּיצל פונם אַקצענט! עס שטייט אַ מענטש, אָן אַ סימן ייד שוין אויפן פּנים, אויף אַ קאַטעדרע אין אוניווערזיטעט, אויף אַ פּלאַטפאָרמע אין אַ פּאָליטישע פאַרזאַמלונג, אין טעאַטער אויף דער בינע, פויגל־מליך גיסט זיך פונם האַלדז, מאַרצעפּאַנעס שיטן זיך אים פונם מויל, עס זינגט פון אים אַרויס אַ דועט — אָקספאָרד מיט קעמברעדזש צוזאַם!.... מיט פאַרגאַפטע מויל און אויגן קוקט דער עולם־גויים אויף אים ענציקטע, באַגייסטערטע פונם געדאַנק, פונם זאַץ־בוי פון יעדער וואָרט־קאָמבינאַציע, אבער ערגעץ אין ווינקל זיצט זיך איינער מיט אַ פיין געהער, מיט אַ מוזיקאַליש וואַגנער־אויער און יעדעס וואָרט, וואָס איז אַזוי פיין און גוט, גיט אים עפּעס אַזאַ אויסטערלישן קראַץ אונטערן האַרצלעפּעלע: וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? נישט אנדערש ווי שדים רעדן דאָ פון דעם ייד אַרויס!



באמת, מען הערט אַרויס דעם יידישן אקצענט ביי אַן ענגליש־געבוירענעם ייד אין דריטן דור, מעג ער שוין אַפילו זיין אַן עם פי, צי אַ טשיף־אינספּעקטאָר! דעם רעוורענדישן „שפּיטש" מיט די אַריינגעבראַקטע בייבל פּסוקים, קאָן מען דערקענען אין דער יידישקייט פון די סינאַגאָגעס און אין דעם אויפגעכאַוועטן דור פון די „היברו־קלאַסעס"....

דעם „סוקסעס" פון די זייאָניסטישע־מזרחיסטישע און אפילו מאַפּאַי־און מאַפּאַם־קאָנפערענצן דווקא בלשון הגויים (ביי זיי איז שוין נישט שייך צומאָל אקצענט, ווייל ס'רוב פון זיי רעדט נעבעך ענגליש ווי אַ שבת־גוי יידיש.) רופט זיך אויך שוין טאַקע אָפּ אויף די אַפּילס; וואָרים, אַז דער אינערלעכער דרוק פונם הארצן איז נישטאָ, טאָ ווי אַזוי קאָן עס זיין יוצא מן הלב...

האָט דאָך דער באַרימטער „סעקס־אַפּיל" אויך נאָר צו טון מיט אַ געוויסן הארץ דרוק, מיט אַ באַשטימטן דרוק אין בלוט־קרייז, מיט עפּעס אַן אומדערפינירטן „אויסגעשפּראָכענעם" אקצענט.

און נישט נאר דער פּאָזיטיוו, נאר אויך דער נעגאַטיוו, די צווייטע זייט פון דער מטבע, צי אפילו די אומעכטע, נאָכגעמאַכטע, פאַלטש אויסקלינגנדיקע, רוט אויף דעם זעלבן אקצענט־געזעץ. וואָרים ווי אַזוי דערקענט מען, אַז ס'איז אַ געפעלשטע מטבע, אַז מען האָט נישט אין אויער דעם לויטער קלאַנג פונם עכטן גאָלדשטיקל —

דער גאַנצער ענין פון לשון־הרע, וואָס איז ער דען אויב נישט אַן אַקצענט־זאַך! די קלעפּיקע חולאת, די דאָזיקע נגע־צרעת איז זייער אַן איידעלע מאַטעריע, וואָרים לשון הרע איז דאָך דער „ריינסטער אמת", אַ מעשה שהיה כך היה, דער דערציילער לייגט קיין איין וואָרט נישט צו, נאָר פונם „איידעלען" קלאַנג פונם אַקצענט „הערט זיך אַרויס" אויף מיילן ווייט... עס „פּילט זיך" ווי יעדעס וואָרט קומט אַרויס פון אַן אומגעוואַשן־מויל....

און היינו הך דער מרגל! האָבן דען די מרגלים גערעדט אַ שלעכט וואָרט, חלילה, אויף ארץ־ישראל? דאס שענסטע און דאס בעסטע האָבן זיי דאָך דערציילט, נאר עפּעס אינם אקצענט מסתמא האט אונטערגעהינקט; עס האט געשמעקט מיט אונטערגעברענטס; מיט דעם ליבן רכילותל וואס יעדער ייד האט אַזוי ליב צו הערן.

און דאַכט זיך, אַז דער טאַלענטירטער און גוט געשולטער חונף ברויך זיך לגמרי נישט צו באַנוצן מיט קיין אנדער וואָרט ווי דער גלייכער מענטש, ווי דער גראַדער כאַראַקטער, ער ברויך עס נאָר אַזוי בוימלדיק אויסצוציען, אַזוי קיילעכדיק פון די פאַרשנירלטע גומי־לאַסטיק־ליפּלעך אַרויסצוקייקלען און עס איז ווי פּוטער אויפן ווייכן הארץ, ווי שמירנדיקע זאַלב אויף אַ נישט ריין קעפּל....

און די נגע פון דעם נעגאַטיוו, דאס קלעפּיקע חולאתל האט זיך שוין אויך אַריינגעכאַפּט אין אונזער שבכתב, און דער קרעציקער צרעת פאַרשפּרייט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, ער וואַקסט שוין באַלד איבער די אויגן אַריבער — באמת אונזער „שיינע ליטעראַטור", די עסייאיסטיק, האט שוין דער־

גרייכט די מדרגה, אז זי קאָן מטהר זיין אַ שרץ בק״ן טעמים!

די גמרא, אַז זי וויל מאַכן אַ קאָמפּלימענט רבי מאירן פאַר זיין תריפות זאָגט זי, אַז ער, רבי מאיר, קאָן מטהר זיין אַ שרץ מיט 150 טעמים. שטעלט זיך דאָך די קשיא: אויב אַזוי, ווי קאָן מען טאַקע וויסן וואָס איז טהור און וואָס איז טמא?

אבער לייענדיק אַ סך מאָל אַזאַ פיינעם עסיי, אַ באמת חריפישן און וויי־חכמהדיקן, פול מיט עטיק און עסטעטיק, מיט געשליפענעם סטיל און געלונגענעם וואָרט־שפּיל, אָבער דאָך פילט זיך אַ חזירישער טעם. — עס שפּירט זיך דערפון אַרויס דער שרץ: — אָט־אָ פון דעם דאָזיקן טעם טאָקע ווייסט מען, אַז ס'איז טמא... אַלע 150 חריפישע טעמים און פעפּערדיקע פּלפּול וועלן דאָס אויסגעשטרעקטע חזיר־פיסל נישט מאַכן כשר.

אַז מען הערט אַרויס דעם אַקצענט, אַז מען הערט זיך גוט צו אים צו, פילט מיט אַרויס דאָס מטעים זיין, דאָס שלינגעדיקע באַלעקן זיך פונם „חזיר וואָס רינט איבער דער באָרד״.

און אויך מיט דער הילף פונם אַקצענט־קלאַנג קאָן מען אַרויסהערן די עכטקייט פונם ליטעראַרן געשאַפענעם, די וואָגיקייט, דאָס שווער אַרויסגעהויבענע פון דער טיפענייש פונם אייגענעם האַרץ. אויב ער איז אייגן און עכט, הערט מען אינם זאַץ־בוי דאָס העמערן פון געשמידטן זילבער — מען הערט דעם שווערן אָטעם פונם האַרץ, ווי דעם בלאָז־זאַק בשעתן גליען דאָס מעטאַל. דאָס נאָכגעמאַכטע פּאַטעט ושאַווערק אין ווינט ווי אָפּגעריסענע בלעכענע שילדן — זייערע אותיות שווענקען זיך אין רעגן!

אַ ציטאַט צומאָל אַז מ'נעמט אים אַוועק די „גענזענפיסלעך״, גייט ער אויף הינערישע פיסעלעך! און דאָס מעלה גירהדיקע, דאָס איבערקייעטע האָט דאָך דעם זיבעטן טעם. אַז דער ביסן ברויט זאָל גוט פאַרדייעט ווערן מוז ער דערפילן דעם דרוק, דעם געביס פון אייגענע ציינער...

יאָ, אַז מען זאָל וואַרטן אויף דעם „האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם״, וואָלט מען געקענט לאַנג וואַרטן אויף משיחן... עס איז אַ צו גרויסער נסיון! אָבער אַ סימן מובהק, אַז מען זאָל דערקענען דעם נאָכמאַכער איז דווקא יאָ פאַראַן; די איינציקע מעגלעכקייט, אַז אַ נאָכמאַכער זאָל זיך צו אייגענען גוט געפאַרעמטס איז דאָך, די איינציקע עצה, דאָס צו געלקחנטע צו צעקאָלעטשען... (אַז מען זאָל דאָס צוגעגנבטע נישט דערקענען!...) נו, פאַרלירט עס דאָך שוין ממילא דעם עכטן ליטעראַרן קלאַנג, דאָס שווער־געוויכט — דער אַקצענט איז אַ געבראָכענער! ער פאַרלירט דאָס געוויכט!

ווי צו אַ פאָלק, וואָס זיינע קינדער ווערן פאַרשטויסן פון זייער אייגענער שפּראַך, זייער הערצער קריגן שפּאַלטן און ווערן צעקאָלעטשעט און זייער לעבן ווערט אומעכט און פאַרפעלשט. פיל מיט לשון הרע, מיט רכילות צו זיינע אייגענע און פול מיט חניפה־ריידעלעך צו אַלצדינג וואָס פרעמד; עס איז ווי אַן אָנגעדרייטער גראַמעפאָן, וואָס שפּילט מיט געשפּאָלטענע פּלאַטן! אַ פאַרזשאַווערטע גראַמאָפאָן־נאָדל שטעקט אים אין מוח און קראַצט און קראַצט; עס איז ווי דער גראַפאַמאַן, וואָס מיינט, רק אַז אויב עס וועט אים געלינגען יענעמס צוצעקלאַטשען, וועט עס ווערן זיין אייגנס.

ש.



## י. ל. פיין

### עטליכע גראַמען געווידמעט צו ס. פּאַלמעס 60-יאָריקן יובל

איהר דאַרפט זיך נישט שרעקן
וואָס איהר ווערט שוין אַ זקן,
ווייל אַ דיכטער ווערט קיינמאָל נישט אַלט.
אייער מוזע וועט זינגען
נאָך לאַנג, און וועט קלינגען
אין אַ האַרץ וואָס איז קיינמאָל נישט קאַלט.

פאַרגעסט אין די יאָרן
וואָס זענען פאַרלוירן געוואָרן
אין איינזאַמקייט, עלענד און נוים,
געדענקט אַז אַ דיכטער, —
אַ יידישער דיכטער, —
קאָן לעבן אפילו אָהן ברויט...

לאָנדאָן 27. 2. 50

---

## אַן אָפענער בריוו

ווערטער רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן״.

אַזוי ווי איך האָב געוואָלט דיין פּראָטעסט אויסדריקן דורך „די צייט״ נאָר וואַרשיינליך האָט „די צייט״ געהאַט געוויסע אורזאַכן נישט צו דרוקן מיין בריף, ווענדע איך מיך צו אייך אַלס אַ שטענדיקער לעזער פון „לשון און לעבן״ מיר צו געבן אַ שטיקל פּלאַץ אויסצודריקן מיין פּראָטעסט קעגן דער היגער מזרחי.

זייענדיג אַליין אַ מזרחיסט בין איך געווען שבת אָוונד דעם 12 יאַנואַר אין די ביוער־האָל אויף דער קאָנפערענץ, וואָס די מזרחי האָט פאַררופן און ווי געוויינלעך געהערט פאַרשידענע רעדנער. אָבער קיין איין וואָרט יידיש האָב איך נישט געהערט, אַלץ נאָר אין ענגליש. חוץ איין רעדנער, וואָס האָט גערעדט אין העברעאיש, וואָס איך בין זיכער דאָס אַ קליינע פּראָצענט יידן האָבן פאַרשטאַנען.

פרעגט זיך צי איז נישט געווען פון די אַלע רעדנער, וואָס זאָל קאָנען ריידן אַ אידיש וואָרט? עס איז איינפאַך אַ שאַנדע, אַ מזרחי פאַרזאַמלונג אָן אַ וואָרט אידיש. איך בין זיכער דאָס מער ווי אַ העלפט פון די פאַרזאַמעלטע האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט גערעדט. ווייל עס איז געווען אַלעבע יידן אין די מערהייט, וואָס פאַרשטייען בעסער יידיש נישט קיין ענגליש.

מיט אַכטונג **אברהם ציקער**

91 פּילגייט סטריט, א.ז.

## חזן אלטער ז״ל

חזן אלטער איז געווען אַ מערקווירדיקע פערזענליכקייט ביי אונז אין ווייטשעפל אַ מעורב בין הבריאות. מיט זיין חזנות און זיינע מוזיקאלישע־שאפונגען האט ער ביים עולם שטארק אויסגענומען. צו אונזערע „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס״ ווען ער פלעגט קומען מהנה זיין דעם עולם, איז געווען אַ פייערליכע שטימונג דעם שבת. לאנגע יארן איז חזן אלטער געווען דער פרעזידענט פון די פעדערישן חזנים און א הייסער עוסק בצרכי ציבור.

## די אקטריסע מאריא גאלדשטיין ע״ה

די אקטריסע מאריא גאלדשטיין, די מוטער פונם באקאנטן אקטיאר פאול גאלדשטיין, וועלכע האט צענטליקער יארן געשפילט פארן לאנדאנער פובליקום, איז נאך אַ לאנגע און שווערע קראנקהייט געשטארבן. מיט איר לייכטן זשאנער פלעגט זי נאך לעצטנס אמוזירן דעם עולם מיט אירע שרייענדיקע מארק־יידינע־טיפן. איר מאן דזשעק גאלדשטיין ע״ה האט נאך געשפילט טעאטער ביי אברהם גאלדפאדן.

## 10 יאר „לשון און לעבן״

(רעדאקציע נאטיץ)

אין די לעצטע „קולטור ידיעות״ ארויסגעגעבן דורך דער אייראפעאישער קולטור אפטיילונג, פון אלוועלטלעכן קולטור קאנגרעס, איז געווען (צווישן די כל־ערליי קולטור־ידיעות פון גאנץ אייראפע, אבער קיין איינציקער שורה איבער אונזער ארבעט דא אין לאנדאן . . .) געמאלדן, אז דער איינציקער זשורנאל וואָס דערשיינט אין גאנץ אייראָפּע איז דער „קיום״ — אויב אזא מין ידיעה איז כדי להגדיל את העסק... איז מהיכא תיתא! אבער אויב דאס מיינט אַ רעגיסטראציע, לייקענען מיר עס אפּ מיט אלע אונזערע 122 נומערן „לשון און לעבן״, וועלכע זיינען שוין דערשינען אין משך פון די לעצטע 10 יאר רעגלמעסיק און אומאיבערגעריסן. און דער גרעסערער טייל פון זיי איז ארויס אין אַ צייט, ווען ס'איז באמת קיין שום אנדערער זשורנאל נישט דערשינען אין גאנץ אייראפע, אבער מיר האבן קיינמאל נישט געוואלט ציען קיין אויפמערקזאמקייט און קיין פראפיטן פון אזא מין רום...

מיין רעדע געהאלטן אויף דער פייערונג לכבוד דעם 10טן יאר „לשון און לעבן״ אין אַ קומענדיקן נומער. ד. ד.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 4־טן מערץ — די טראדיציאנעלע פורים פייערונג.

שבת, דעם 11־טן — דארא דימאנט איבער איר ישראל־נסיעה.

שבת, דעם 18־טן אליהו פאלושאק — די פּאָליטישע לאגע.

שבת, דעם 25־טן יידישע יום טובים אין יידישן שאפן.



## א הארציק מזל טוב צו דער חתונה

### פון פייגעלע אינפעלד מיט לעאן טאפּף

וועלכע קומט פאר זונטיק דעם 26־טן מערץ. מיר ווינטשן פיל נחת אונזערע פריינט די פאמיליעס קויפמאן די עומדים מצד הכלה.

פריינט פון יידיש לשון

„די צייט״

גענרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראָפּע.)

די סוף־חודש זונמיקס פון

„פריינט פון יידיש לשון״ ביי „בן־אורי״

זונטיק, דעם 26־טן מערץ, 8 אָוונט

אין לאָקאַל פון

„בן-אורי״ קונסט גאלעריע

14 פּאָרטמען סטריט וו.1

די יידישע יומים-טובים אין

דער יידישער ליטעראטור

י. ביעטש און נעט רובין וועלן לייענען

אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאר מיטגלידער!

1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

---

טיף דערשיטערט צוליב דער גרויסער אבדה פון דעם פלוצים פארשטארבענעם שרייבער מיטגליד פון דער פועלי־ציון עקזעקוטיוו אין פּאַריז און יידישער קולטור טוער

## יוסף צוקער-האלענדער ז״ל

זאל די פרוי געפונען א טרייסט אין דער ארבעט וואס ער האט געלייסטעט לטובת דעם יידישן פאלק.

יוסף ה. לעווי, מאָריס קאַץ, א. נ. שטענצל

---

מיר זענען זיך משתתף אין צער פון נקדימון און טעא דן-יחיא, דער זון פון רחל דן־יחיא און טאכטער פון לעאָפּאָלד פילאָכאָווסקי, אין דעם פארלוסט פון זייער יינגסטע טאכטער אנן מישלין.

לשון און לעבן

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


נומער 4 (העפט 123 עלפטער יארגאנג אפריל 1950 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט:


דאס צענטע יאר פון יידישע העפטלעך.......................•• 1

דאס גאלדענע ציגעלע, א טוץ פסחדיקע וואורשטן כאטש אויף בלינד.......................א. נ. שטענצל 8

אזוי טרויעריק.......................בן אמוץ 10

א בילד: דער דיכטער אריה שדמי....................... 15

יידיש לשון מאמע לשון.......................יוסף הלל לעווי 16

קאראוואנען, (פאעמע).......................אריה שדמי דן 18

טרייסט.......................משה עובד 24

עולה רגל זיין.......................א. נ. ש. 26

א טרער. ס׳זינקט די זון.......................א. פלוני 29

דער מאדעל.......................לעא קעניג 30

רייזע איינדרוקן פון קאנטינענט.......................יוסף הלל לעווי 33

תימונער יידן האבן א יום טוב.......................נסים ראצאבי יאאיש 37

דעם ריטערס שפיגל.......................ס. פאלמע 39

אין אווענט שעה.......................ש. זאלקין 40

ריטער אן מורא און טאדעל.......................אליהו פאלושאק 41

כ׳בין גליקלעך.......................א. מייטוסי 43

דערציילונגען פון „טעג אזעלכע“.......................הערש שישלער 44

א ביסעלע פאלעמיק.......................מ. אלמאן 45

באגריסונגען, רעדאקציע נאטיץ און מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס....................... 48


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**


אבאנענטס-פרייז:—19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד:—5 דאלאר א יאר

1/9 פאר א פראבע נומער



*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum 0401*

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*